January 8. 1950.

# תפארת ירושלים

פרעזידענט בראנז יחיאל

יט טבת תש״י

גבאי שניד טקאטש

סעקריטער דוד שלמה גאלדבערג

א מיטינג, עס איז געפאסט געווארען, אז די דיוס פאר מעמבערס פון שוהל. און עס איז אריין, אין קראפט, 12 דאלער א יאהר, אונד פרויהען מעמבערקעס 6 דאלער א יוהר

## מיטינג אין שוהל — דאנערשטאג ה׳ ניסן

March. 23. 1950

אין אזוי ווי די שוהל האט געגעבען דעם פרעזידענט מ׳ בראנז. מיט די קומיטע פולע רעכט צו פארהאנדלען מיט די בארד די הערש. וועגען די סעמעטרי, האט מ׳ בארנז געבראכט א רעפארט אז די׳׳האבען שוין געקויפט די סעמעטרי,

## מזל טוב עס זאל וואכסען גרויס

א בריכט אז ב׳ זעלצער איז אין האספיטאל. א קאמיטע איז ערוועלט געווארען דער סעקריטער ב׳ גאלדבערג האט רעזיינט צו זיין סעקרעטער עקלערידיג אגוטע אורזאכע און ב׳ ריטשלער האט אנגענומען אלעס סעקריטער אויף זיין פלאץ

## מעות חטים

## א דזשענעראל מיטינג

May 14.

ב׳ גלאזמאן, און ב׳ ווייסמאן, האבען ראפארטעט אז זיי האבען קעלקטעט 83, דאלער פאר מעות חטים, ז׳ גלאזמאן און ש׳ הערמאן, האבען ראפארטעט אז זיי האבען איבער געגעבען צום ישראל אפיל 28.1, הינדערט, און אחטענצוואנציג דאלער

עס איז געפאסט געווארען, אז דער קאמפיין וואס מען וועט מאכען, דעם שבועות אין שוהל. זאל עס באלאנגען צו ישובה (מתובתא ראשת חכמה)

יחיאל הערמאן

CONGREGATION TIFERETH JERUSALEM

# פון שיר השירים

אויף דעם פסוק „בשוקים וברחובות אבקשה את שאהבה נפשי" האט א חסידישער רבי געזאגט, אז דאס מיינט, וואס אין שוהל אדער אין בית-המדרש זיינען אלע אידען וויאל און פיין - מען דארף אבער זוכען און געפינען אזעלכע וואוילע אידען אין גאסען ביים האנדלען, מיט מענשען, אין די ענינים שבין אדם לחברו...

פון שיר השירים

וואס דער פסוק זאגט „השמיעני את קולך" האט רבינו מאיר יחיאל זצ"ל אוסטרובצה'ר ערקלערט, אז דאס מיינט. וואס די עקסיסטענץ פון א פאלק איז אפהענגיג פון זיין לשון, - דאס איז אויך דער פשט פון פסוק, מות והחיים ביד לשון (משלי קאפיטעל י"ח). ווייל כל-זמן א פאלק האט נאך זיין שפראך ניט פארלוירען האט עס א האפנונג צו בלייבען לעבען, דער פאר זאגט דער פסוק „השמיעיני את קולך" לאמיר הערען דיין קול, צו דו באנוצסט זיך נאך מיט דיין לשון, און צי די רעדסט נאך אויף דיין אייגענער שפראך...

אויף פסוק „כפלח הרמון רקתך" דרשנ'ט די גמרא אפילו ריקנין שבך מלאין מצוות כרמון „(סנהדרין דף לז') האט דאס דער אסטראווצער רבי זצ"ל ערקלערט, אז דאס מיינט. וואס דער אמת'ר ירא-שמים געהט שטענדיג ארום מיט'ן געדאנק אז עס פעהלט איהם נאך זעהר פיעל צו זיין שלימות, - דאגעגען מיינען וועגען זיך, די „ריקנים" די פוסטע פערשוינען אז די' זענען „מלאים מצוות כרמון" אז זיי זענען שוין פולקום פערטיג, און אלסדינג איז ביי זיי אין ארדענונג...

# וואס א בעקער האט געזאגט

פילע רבנים פון אונזער אלטער היים האבען געהאט א נאטור זיך איבערצונעמען מיט זייער גרויסען יחוס, אז שטאמען פון רבנים, זייער פאטער איז געווען א רב און אויך זייער זיידע איז געווען א רב. - די שטאט אסטראווצע, אין פוילען, האט געהאט א גרויסען רב, מיט דעם נאמען רבי מאיר יחיאל הלוי, זיין פאטער איז געווען אן איינפאכער בעקער, אבער ער האט זיך גראדע ניט אפגעגעסען דאס הארץ צוליב דעם. - איינמאל ביי א פארזאמלונג פון עטליכע רבנים ביי א שמחה, האבען די' זיך גענומען באריהמען מיט זייער יחוס, - און צום לעצט האבען זיי באשלאסען אז יעדער איינער זאל דערציילען, עפעס א זאך וואס ער האט געהערט פון זיין פאטער. - יעדער איינער האט איבערגעגעבען א שטיקעל תורה, וואס זיין פאטער האט געזאגט, - אז עס איז געקומען צו רבי מאיר יחיאל, האט ער זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופען: - „רבותי! מיין פאטער איז געווען א בעקער און ער האט מיר געלערנט אז ברויט איז געשמאק נאר דאן ווען עס איז פריש, אלט-געבאקענע דארף מען שטענדיג אויסמיידען צו עסען, „אזוי איז מיט לערנען, אלט-געבאקענע זאכען טויגען ניט, עס איז נאר גוט און געשמאק צו הערען פון איינעם א פרישען און א נייעם געדאנק, עפעס זיינס און אייג

273

# ביתהכנסת תפארת ירושלים

פרעז׳ ברוך בראנז — גבאי יחיאל הערמאן

פינף טויזענד, זיבן הונדערט און צען יאהר ל״ב״ע״ — JAN, 1950,

שנת, ת״ש״י״ — ריטשלער. סעקריטער. גבאי שני טקאטש

---

**August. 2.**

א מיטינג אין שוהל, עס איז קלעקטעט גיווארען פון דעם אפיל, וואס עס איז געמאכט געווארען שבועות אין שוהל פאר די ישיבה מתיבתא ראשית חכמה (הינדערט) 1.035.

ב׳ יחיאל הערמאן האט די געלט אוועק געטראגען צו דער ישיבה מתיבתא ראשית חכמה

---

**August 22.**

א דיבאטע, וועגן א בעל שחרית אויף ימים נוראים, איז גיפאסט גיווארען, די פרייז ביז 75. דאלער

וועגען א בעל שחרית- מ׳ביק. און. מ׳ ריטשלער, האבען אן גענומען, צו דאווענען שחרית די ימים- נוראים, ביי א וואיט, איז גיפאסט גיווארען אז ב׳ ריטשלער. זאל זיין דער בעל שחרית די ימים נוראים, — ב׳ טקאטש, ב׳ ריטשלער זיינע אפוינט גיווארען. צו די סיט קומיטע,

---

**Septe, 13.**

דער פרעזידענט האט באריכטעט....... אז ער האט אינשורד די שוהל, פאר 3. יאהר 5000 און די ספרים 1.000 ........ ..... אפרשלאג איז גימאכט פון ב׳ גאלדבערג אין גישטיטעט ביי די מאדזשארטי אז מען זאל העכערען די אינשורענס, אויף די שוהל, 10.000 דאלער אין די ספרים 2.000 דאלער, א. קומיטע הערמאן, און קויפמאן, זאלען גיין מיבקור חולה זיין מ׳ב׳ לייזר ב׳ג

---

## ראש השנה אין שוהל כתב וחתם לחיים טובים

יעדער איינער האט גיווינשען זיין חבר א כתיבה וחתימה טובה און עס זאל זיין שלום אויף דער וועלט.

---

א מיטינג, און שוהל, דער פרעזידענט האט אויף געפאדערט אז אלע ברודער זאלען זיך אויף שטעלען. און אב צו געבען כבוד דעם פאדשטארבענעם ברודער חיים קרעפאק

---

עס איז גיפאסט געווארין אז מען זאל ערלויבען צו מאכען. אפיל, יום כפור פאר מוסף, פאר די ישיבה מתיבתא מאיר הגולה,

---

**נאמיניישענס**

**אויף אפיסערס**

**פאר יאהר — — — — ת׳ש׳י׳א**

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM

נעשה ע׳ י׳מ׳א׳ב׳ הכהן

## ר׳ לוי יצחק׳ס פאמיליע-נאמען

עס ווערט דערציילט, אז ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער איז תמיד געווען שטארק פאר׳דביקה׳ט אין עבודת הבורא, און פלעגט אלע מאל אויסרופן „דערבארעמדיגער!״ און ווען די צארישע רעגירונג האט ארויסגעגעבן א באפעל, אז אלע אידען זאלען זיך איינשרייבען מיט פאמיליע-נעמען, איז א באאמטער געקומען צו אים און געפרעגט: — ווי אזוי ווילסטו זאל זיין דיין פאמיליע נאמען? — דער בארדיטשעווער איז אבער געווען אזוי פארטיפט אין זיינע מחשבות, אז ער האט גאר נית געהערט, ווער און וואס מ׳רעדט צו אים און האט, ווי זיין א געשריי געטאן: „דערבארעמדיקער!״ — נו, גוט. — האט דער שרייבער א זאג געטאן — זאל דער פאמיליע נאמען זיין „דערבארעמדיקער״, און אזוי איז ר׳ לוי יצחק׳ס פאמיליע נאמען פארבליבען אויף קינדער און קינדס קינדער

## דער שקר

אז נח האט געהאט געבויט די תיבה און ער האט געהאלטען ביים אריינפיהרען אלעס וואס האט פריהער עקזיסטירט אויף דער וועלט — איז צו איהם געקומען דער שקר און ער האט ~~פאר~~ פארלאנגט אויך אריינגענומען צו ווערען אין דער תיבה, נח האט אבער דעם שקר צוריקגעוויזען און געזאגט: — איך קען דיין פארלאנג נית דערפילען, איך האב א באפעהל, אין דער תיבה אריינצולאזען נאר פארלעך. דו בידט דאך אבער איינער אליין, אהן א צווייטער העלפט.... האט זיך דער שקר מיישב געווען און איז אוועק צום שווינדעל. די האבען ביידע חתונה געהאט און געווארען א פארעג — איצט האט זיך נח מעהר קיין עצה נית געקענט נעבען און — געגען זיין ווילען — די געמוזט אריינעמען אין דער תיבה. — — — און זייט דאמאלסט שוין זייט א סך טויזענטער יאהרען. געהען די נאך אלץ צוזאמען, אויב שקר באווייזט זיך נאר, מעג מען זיכער זיין, אז שווינדעל איז גאר נאהענט, און ער וועט פריהער — אדער אביסעל שפעטער, שוין נאך קומען.

פ״נ

איש ישר
הניכבוד שהלך
לעולמו נפטר חיים
בר ישראל ליטמאן
כ״ב ראשחודש אלול
שנת ת״ש״י
Septem 4.1950
קרעפאק. תנצב״ה

בית הכנסת תפארת ירושלים

פרעזידענט ברוך בראנז — גבאי יחיאל הערמאן

וויס פּרעז׳ ישעי׳ הערמאן — גבאי שני טקאטש

מדינת ישראל

ציון

שנת

# דאנערשטיג מוצאי יום כפור תשי״א

א מיטינג. די אלע מתפללין מיט זייערע פרויהען זענען זיך צו זאמען געקא־
מען אין שוהל. דער פרעזידענט (ברוך בראנז) האט געעפענט דעם מיטינג, און
ווינשט דעם גאנצען עולם א גמר כתיבה וחתימה טובה. אלע אמן

עלעקשענס — נאמיניישענס

דער פרעזידענט האט גיעפנט דעם מיטינג,
מיט א טרויריג פנום, האט ער אלע אוועזענדע גיהייסין
זיך אויף שטעלן פון זייערע פלעצער, אין באריכטעט.
אז ר׳ אליעזר ב״ר שניאור זלמן איז נפ׳ גיווארען. אלע האבען באדארט די גאנצ״ פאמיליע
נפשותהא צרוהה בצרור החיים את נשמתו וינוח בשלום על משכבו אמן,

רעזילטאט פון די עלעקש

פר׳ בראנז
וויס.פ׳ ש.הערמאן
גבאי יחיאל כ״ץ
סעק׳ ריטשלער
טראסטיערס
טקאטש
דאבראוואסקי
גלאסמאן
קאפאלוויטש
טרזש׳ קאפמאן

יחיאל הערמאן איז ערוועלט געווארען אלעס רעווערענט פאר תשי״א




כל נדרי אפיל
$ 868.00
1950

א קומיטע
צו קויפען
אתרוגים
יחיאל און ווייסמאן

יחיאל הכהן

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM



פ״נ
איש חשוב תם וישר
הניכבוד שהלך בדרכי
ד׳ שעוסקי תמיד בצרכי
צבור, שהלך לעולמו נפטר
אליעזר ב״ר שניאור זלמן ב׳יג
י״ז חודש תשרי שנת ת׳ש׳י׳א
28. September 1950
וינוח בשלום על משכבו ונאמר אמן
תנצב״ה

בית התפלה תפארת ירושלים

פרעזידענט

גבאי יחיאל הערמאן כ״ץ — ברוך בראנז — שנת תש״יא

NOVEMBER 28, 1950

# ט״ו כסלו חברה קדישה סעודה

| גבאי פאלעק דובראווסקי | NOVEMBER 26, | סעקרעטער ברוך בראנז |
|---|---|---|

אזוי ווי עס איז אַ מנהג בכל ישראל צו מאכן ט״ו כסלו אַ סעודה של מצוה, ובפרט אין שוהל תפארת ירושלים, זיינען מיר אויך מקים דעם מנהג, ב׳ פאלעק האט ניט גיקענט זיין ביי דעם מיטינג פון דער חברה קדישה, האט מען ישעיהו הערמאן גיהעסען, אז ער זאל דאס מאהל פיהרען דעם מיטינג, הערמאן האט געעפענט דעם מיטינג, און ער האט געגעבען מיט דעם שוהל האמער דריי 3 קלעפ...... אלעס אַפּ צו געבען כבוד צו אלע נפטרים פון דער שוהל, דער גאנצער עולם האבען זיך אויפגעשטעלט, אלעס אַ צייכען פון צער

## חברה קדישה סעודה לחיים ברודער?...

מען האט גיבעטין מ׳ הערמאן, דער גבאי פון שוהל צו ערקלעהרין, דעם עולם דעם באַדייטונג פון ט״ו כסלו פאר די חברה קדישה סעודה; מען האט גיגעבען יעדען דאס וואוט דער פארזאמילטער עולם, מיט ז׳יהערע פרהוין, האבען ביי גידעקטע טישען פיין פאבראכט פון כל טוב, מען האט געווינשען אז די חברה קדישה זאלען ניט האבען אַ גאנץ יאהר קיין מתים; מיר די אחינו בני ישראל זאל זיין אַגְאֻלָּה שְׁלֵמָה, און אלע רשעים זאלען באקומען אשטראף

## דער 40 יעהרליכער חנוכה פעסט

DECEMBER, 10, 1950

זונטאג ב׳ טבת

חנוכה ה׳ת... ציון

אַ חנוכה מיטינג, דער עולם איז זיך צוזאמען גיקומען אין שוהל, און שוהל איז ליכטיג און יום-טובדיג, מ׳אריס, מ׳ בראנז האט ניט גיקענט זיין ביי דעם מיטינג, ווייל ער איז גיווארען ר״צ אָבֵל,

ב׳ ישעיהו הערמאן דער וויס פרעזידענט האט גיעפענט דעם חנוכה מיטינג, און האט גיבעטען דעם גבאי פון שוהל אז ער זאל בענשען חנוכה ליכט, דער טשערמאן האט גיבעטען דעם גבאי אז ער זאל ערקלעהרין דעם עולם דעם באַדייטונג פון חנוכה און פאר וואס מען צינט אן חנוכה ליכט

מ׳ הערמאן לאזט זיך ניט לאנג בעטען, און פאנגט אן בזה הלשון. רבותי אזוי ווי דער היינטיגער חנוכה, איז דער 40. יובילייאם פון דער שוהל תפארת ירושלים, (שבת דף כ״ה) פרעגט די גמרא מאי חנוכה דתנו רבנן ב״ה כסליו וכ״ו, מ׳ הערמאן האט דעם מַאֲמַר אדורך געפלאכטען, מיט גוטע געדאנקען, און צום סוף האט זיך דער עולם גיוואשען צום (עססין) צו ברויט, און דער עולם האט זיך געווינשען לחיים, און מען האט זיך משמח געווען און גיענדיגט מיט דעם ווינשען זמר התיקוה

כ״ץ

נעשה ע״י יחיאל הערמאן


פה נקברה
האשה היקרה
אשת חיל עטרת הבית
מרת אסתר בת יאקער
אשת יוסף יצחק הכהן בראנז
כו לחדש כסלו תשיא
ויבך אחריה בנות ובניה
DECEMBER 5, 1950
ת'נ'צ'ב'ה'

1950

תפארת ירושלים

ישראל

שנת תשי״א

פרעזידענט
מאריס בראנז

גבאי
יחיאל הערמאן

אמיטינג, זונטאג כ״ז תשרי, October. 8. 1950

דער פרעזידענט האט געפינט דעם מיטינג, און ער האט געבעטין ב׳ קאוושאוו אז ער זאל אינסטאלירען די נייע אפיסערס. פאר דעם יאהר. -- און ביי דעם מיטינג האט מען נאמענירט מעמבערס צו דער חברה קדישה, דובראווסקי, ח. ליטאווסקי, מ׳ באנז, יחיאל הערמאן, קאוושאוו, קרעטשמאן, וויסמאן, שעפטער, ליטוואק, מ׳ ליטאווסקי, ר׳ פינסקי, גלאזמאן, גאלדבערג, קופמאן, אסטראוו, דיקאטש, טילנער.

שא. א קול דממה דקה ישמע. פראטעסטען פון אלע זייטען. אז עס איז פארהאנען, איין מעמבער פון די נאמינירטע, וואס ער איז ניט קיין פאסיגער מאן, אז ער זאל זיין צווישען די קאמיטע פון די חברה קדישה, ווער איז דאס? פרעגט איינער דעם צווייטען. ? -- דאס איז ש׳, - אן שאנדע און אן בושה, - איז ער מבזה יעדען איינעם, אן אויסנאהם, ער מאכט אן די גרעסטע מחלקת צווישען אדם לחברו; ... עס איז געפאסט געווארען ביי דער גאנצער מעדזשאריטע, אז. תפציפש. זאל געבען קנס צו דער שוהל תפארת ירושלים, .00/. דאלער, צו באצוהלען א צייט פון 30. טעג.

אמיטינג 24 אקטאבער 1950

די פראגע וועגען א בעל קורא און חזן, אזוי ווי עס איז דא א סיכסעס וועגען דעם בעל קורא, וויל דער קהל איז ניט געווען צו פרידען. דער פרייז. וואס דער חזן האט געוואלט פאר דעם יאהר איז געווען 1200. הינדערט דאלער. --- --

דער פרעזעדענט מ׳ בראנז האט גיפרעגט מ׳ קליין וויפעל זיין פרייז. דער ענטפער איז געווען 900 דאלער. דער פרעזידענט האט איהם געאפערט 700. הינדערט. פארן א יאהר. מיט דעם האט זיך דער מיטינג גיפינישט. דער פרעזידעט האט באדאנקט מ׳ קליין פאר זיין ארבייט וואס ער האט גיטהן פאר די שוהל תאארת ירושלים

די פאלגאנדע זיינע עלעקטעט געווארען צו חברה קדישא

פ׳ דובראווסקי. ח׳ ליטאווסקי, מ׳ בראנז. י׳ הערמאן, י׳ גלאזמאן, ר׳ פינסקי. מ׳ ליטוואק. מ׳ ליטאווסקי. י׳ קרעשטמאן. מ׳ וויסמאן, ד׳ קופמאן, קאוושאף. דקאטש. ד׳ טילנער. קאפלאוויטש ד׳ זלאטניקאף, גאלדבערג,

אמיטינג חמשה עשר בשבט, JANE. 1952 22.

מען האט דעבאטירט די פראגע וועגען מ׳ קליין אלעס בעל קורא און חזן, פאר דעם יאהר פון ראש חודש אדר תשי״א ביז ראש חודש אדר תשי״ב. נאך אלאנגע דיבאטע האט מ׳ וויסמאן. געמאכט א פארשלאג, אינטער גישטיצט פון ב׳ טילנער. אז מען זאל. אויף נעמען מ׳ קליינען. פאר דעם יאהר אלעס חזן און בעל-קורא. פאר דער סומע 700 דאלער מ׳ קליין איז פארפליכטעט נאך צו קומען אלעס וואס עס איז געשריבען אין אגרימענט, און מ׳ קליין האט אנגענומען דעם אמט -מזל טוב.- מיט דעם האט זיך דער מיטינג גיפיניש-

# נפטר

# הרב צבי הכהן ז״ל, ת׳נ׳צ׳ב׳ה

הרב צבי הכהן איז נפטר געווארען נאך א לאנגערען קראנקהייט פרייטאג אין דער היים פון זיין טאכטער אין מאנוט-ווערנאן ניו-יארק ער איז אלט געווען 90 יאהר

נפטר ח׳ כסלו פרשת ויצא שנת ת׳ש׳י NOVEMBER.17.

## טשערמאן, הרב צבי הכהן זצ׳ל

צו דערמאנען פון דעם פארלאסט פין דער שוהל תפארת ירושלים, פון פעפעני, אומגעגענד. האבען זיך די אידען ארגענעדירט צו בויען אבנין א בית התפילה, מיט כח און מיט שווייס, איז דער בנין פארטיג געווארין, און מען האט איינגעלאדען דעם חשוב׳ן רב צבי הכהן צום עפענינק פון דער מיט כבוד גדול האט מען איהם געבראנגט מיט מוזק און ער האט אויך געפינט, מיט א שיינע אין פרעס טינג דרושה, וואס דיינען געווען מיט פול האפינונג, אז די שוהל תפארת ירושלים וועט זיין א שיינהייט פאר ידענטאם עד עולם, און מען האט דעם חשוב׳ן הרב צבי הכהן אויך גינאמען פאר א האנער״ רב אינעזער שוהל,

## אַבֵדָה שֶׁאֵינָה חוֹזֶרֶת

### הרב צבי הכהן זצ׳ל

צוזאמען מיט דער גאנצער אידישער קהלה פון דער שוהל תפארת ירושלים אין דעם גרויסען טרויער. צוליב דער פטירה פון איינעם פון די שענסטע טיפען רבנים וואס מיר האבען געהאט אין אונזער דור

חבל על דאבדין ולא משתכחין


הרב צבי הירש כהן









ניש טא מעהר הרב צבי הכהן ז״ל, מיט דער פטירה פון הרב צבי הכהן דער זקן הרבנים אין קאנאדע. און יו״ר פון מאנטרעאל. האבען די קאנאדער אידען בכלל, און מיר מאנטרעאל בפרט, פארלוירען איינעם פון די וויכטיגסטע, פון די קליגסטע און חשוב׳סטע מנהיגים וואס אַ קהלה קאן זיך ווינשען הרב הכהן איז געווען דער אדרעס פון דעם רעליגיעזען אידענטום, — און דער וועג ווייזער פאר אַ מֶשֶׁך פון איבער פיפציג יאהר 50, האבענדיג דעם גרויסען רעספעקט און אכטונג מצד דער גאנצער שטאט, עס איז דעהר וועהטאג ליך וואס די לעצטע עטליכע יאהר איז ער צוליב זיין שווערער און לאנגער קראנקהייט, געווען, צושיידעט מיט זיין קהלה מאנטרעאל,......

מאנטרעאל האט ניט געוויסט, וואס הרב צבי הכהן. שטעלט מיט זיך פאר, און אפילו זיינע געגנער האבען געמוזט בויגען דעם קאפ פאר זיין פיקחות, און פאר זיין שכל הישר, פאר זיין פעהיגקייט, אריין צו גיין אין אַן ענין און באהערשן די לאגע, —

מיט איהם איז אוועק דער קליגסטער רב און מנהיג וואס קאנאדע האט ביז היינט געהאט.

חבל על דאבדין ולא משתכחין

ת׳נ׳צ׳ב׳ה

281

גבאי
יחיאל כ״ץ

בית
התפלה
שנה
שנתיסדה תרס״ז

פרעזידענט
ברוך בראנז

בלשון. סגי נהור: ודע לחכומה ברמוזה: אז עס איז ניט דא קיין מזל. ווערט פון
גאלד בלאטע א מענש אהן אמזל זאל בעסער ניט גיבוירען ווערען, אדער א שוהל
אהן ריכטיגע. כלי־קודש, זאל בעסער ניט עקזעסטירען, ווייל פון גאלד, ווערט בלאטע

כמעט אן אמ׳תע מעשה.

איך רעד. פון פראקטיג, און די מעשה וואס איך געה איך דערצעהלען, וועט איך באווייזען
אז איך וויס, וואס איך רעד;◇ ווי איהר קוקט מיך אן. בין איך, דאכט זיך, אן אמתער
עהרליכער איד. ניט קיין הולטא. חלילה, ניט קיין גנב, ניט קיין גזלן, ניט קיין מחלל שבת
ניק, ניט קיין שקרן, ניט קיין חונף, ניט קיין רכילות טרייבער, ניט קיין לשון־הרע׳ניק,
ניט קיין־צוויי־פנים׳דיגער, ניט קיין אוכל טרפות, ניט קיין אפיקורוס;־חס ושלום:
איך בין א איד א מאמין, א בעל בטחון, א איד וואס דאווענט אלע טאג, וואס לעגט תפילין,
וואס טראגט ציצת, וואס האט מזוזות אויף אלע טירען, וואס וואשט זיך צום עסען,
וואסבענשט, אין ליינט קריאת שמע, וואס לערנט אלע טאג א פרק משניות. וואס זאגט
אפט א קאפיטעל תהלים, —דאכט זיך א גלאטע כשר׳ע נשמה, אז עס איז ניט קיין מזל
ווערט פון דעם גאלד, פאסטע, בלאטע, —פאסירט האט די דאזיגע געשיכטע. אין אינזער
שוהל תפארת ירושלים, אלעס איז געווען מיט די כליקודש אין בעסטען ארדענונג, ביז
דעם יאהר. תש״ה, ווייל די שוהל האט אייגענע כלי־קודש, אדער פון יאהר. תש״ה, האט זיך
דער מזל, פון אונז, אפגעטוהן, מור האבען תפילה געטהון, צום רבונו של עולם, אז
ער זאל זיך איבער אונז מרחם זיין אין אן נעמען אונזערע תפולת, און אונז צו שיקען
א כלי קודש, — אין דער בורא־עולם, האט אונזער תפילה צו געהערט, און האט אונזער
קהולה מזכה געווען, מיט א בן אדם, [redacted] גדינעם, נאר א געלען, ...... ביי דער קאלער, אלס
א שמש. חזן בעל קורא, א שטיק געהל גאלד, אבער, ביסלעך וויס, איז דער קאליך
פון גאלד געווארין א פאסטע בלאטע, דער נאמען פון דעם. בן אדם. משה יוסף, גליק,
צאתכא לשלום ונאמר אמן, No. 1 באמערקירג. ווען ער האט אונזאגט, פון זיין
קהלשין מלאכה, דיינען מיר געווען צו פרידען, אין די שוהל האט עם געגעבען
א פרעזענט. 100 דאלער פאר דיינע גוטע ארבייט...... די שוהל האט גמאכטא בורא נפשות,

[illegible]

[illegible]

[illegible]

קאנגריגיישען תפארת ירושלים

פרעזידענט מאריס בראנז — גאבאי יחזיאל

ישראל
תשי״א

# פורים אין שוהל

1951
MAR. 22

פורים אין אינזער שטעטעל כרח פעפינא אַ תענית אסתר
דער עולם זיין זיך צוזאמען געקומען צו הערען די מגילה ליינען; ניט חס ו׳ש
ווייל זיי האבען געפאסט. נאהר זיי האבען זיך געוואלט נוקם זיין אין המן הרשע
מיט זיין חבר ספעשעל. ימח שמו וזכרו ארץ תמחה את ארץ דייטשלאנד.
אינדערע קלענע יאדילעך האבען אויך נישט פאר געסען צו קומען אין שוהל.
און מיט צו נעמען זייערע כלי זיין צו הרגענען דעם רשע המן, די קינדער האבען מיט
אמגעדילט געווארט, אז דער בעל-קורא זאל שוין ארויס זאגען (המן) די ארימע
טישען. און די בענק, האבען נעבעך, געגקרעכצט פון ווייטאג, וואס זיי האבען
אשולדיגט אריין געכאפט פון די יונגע מרדכילעך. קלעפ, נאכדעם ווי די קינדערלעך
האבען שוין צוקלאפט המנ׳ע. מיט 51 מאל, ווינדען מיט צופלאמטע אין פרייליכע
האבען זיי אנגעגעבען צופארלאזען די שוהל, נ' אבער (מעשה שטן) האבען די געפונען
אין ווינקעל פון שוהל, אַ עמוד אַ זקן. אַ חולה ער שטייט נעבעך אויף קראנקע פיס
די קינדער, האבען אים מכבד געווען מיט מלקות. ביז דער חולה איז נעבעך געפאלען
כורעים ומשתחוים: ודע לחכימה ברמוזה פליס טאראכט זיך גוט אריין)
מיר האבען אויך ניט פאר געסען צו מאכען אַן אפיל פאר עזרת התורה,

אַמיטונג דער 3

א דין תורה

# אַ. דין-תורה
# פאַר׳ן רבונו של עולם

**די דריי מידות אויף וועלכע**
עס שטייט די וועלט, - תורה, עבודה, און גמילת-חסדים, זענען געקומען צום רבונו של עולם אויף אַ דין תורה, !:

נעמט די תורה זיך באקלאגען: - מיין לאגע איז נישט פריילעכדיג ! ווער לערנט היינטיגע צייטען, תורה ? ס׳איז ניט אזוי שרעקליך, - הערט זיך אַ ענטפער, - עס זענען נאך פאַראַן גענוג רבנים, שוחטים, מלמדים, וועלכע לערנען תורה ! - קומט די עבודה מיט אַ טענה: - ס׳טויג ניט. ! ווער, מישטיינס געזאגט, טוט דען היינט תפילה אזוי ווי עס געהערט זיין ? - ניט געפערליך. - קומט אַן ענטפער. - מיר האבען גענוג גוטע אידען, וואס טוען תפילה,

- קומט דער גמילת חסד און נעמט וויינען: - מיין לאגע איז אַך און וויי ! ווער גיט דען היינטיגע צייטען אַ גמילת חסד ? - ס׳איז ניט געפערליך - קומט ווידער אן ענטפער. - איינער דעם אנדערן גיט נאך אַ שמעק-טאַבאַק - אזוי גאר ? ! -- צעוויינט זיך נאך העכער דער גמילת חסד - מען גיט מיר אָפּפטר׳ן מיט אַ שמעק-טאבאק. ? אבער די חברים פון דער שוהל [illegible]

# תפארת ירושלים

וואס זענען געקומען׳ טענות, מיר דארפען האבען, אַ אֶמֶת׳ע גמילת ~~ח~~ מיט חסדים, —

- פאל ניט ביי זיך אראפ ! - טרייסט מען דעם גמילת-חסד - עס וועט קומען אַ צייט וואס -דער גמילת חסדים פון תפארת ירושלים שוהל ! וועט זיין אַ שטאלץ, פאר מאנטריאלער יאַדען בכלל, און פאר פעפיני׳א אידען בפרט

## אבגעלייגט שופר בלאזען

אַמאל איז געווען אַ מנהג אז ראש השנה פלעגט מען בלאזען שופר אין דער פריה. גלייך ביים אנפאנג דאווענען, שפעטער האט מען איינגעפיהרט אז מען זאל בלאזען, נאר צו מוסף. און געטהאן האט מען דאס צוליעב אַזאַ פאסירונג: - איינמאל, ראש השנה, אז די אידען האבען געבלאזען שופר, האבען די רוימישע סאלדאטען, וואס זיינען געשטאנען ארום ירושלים, געמיינט אז די אידען האבען געמאכט אַן אויפשטאנד געגען זיי. און זיי קלייבען צוזאמען זייער ארמעע צו געהן אויף די רוימער, זיינען די סאלדאטען אריין אין שטאָדט אין גענומען שלאגען און מערדערן די אידישע בעפלקערונג, ביז די זיינען אנגעקומען ביז די זיינען אנגעקומען אין בית-המקדש. - אין געזעהן אז אידען שטעהען רוהיג און זאגען זייערע תפילות. ! די גיבען זיך אב מיט זייער גאטעס דיענסט, - האבען די רוימער געזאגט, און האבען זיך גלייך צוריקגעצויגען, - זייט דאן האט מען פריהער געדראוועט, אין אבגעבלאזען שופר האט מען צו מוסף. (ירושלמי ראש השנה ד׳)

יחיאל כ״ץ

תש״א 1951,




גבאי י׳ ב״ץ

פרעזידענט מ׳ בראונ

## בית הכנסת תפארת ירושלים

א מיטינג אין שוהל, עס איז דאָבאטירט געווארען די פראגע וועגען מכירת־חמץ. אזוי ווי חזן קליין איז [redacted] בײ אונז [redacted] חזן, נאר אויף א געוויסע צײט, אבער ער פארלאנגט אז מכירת־חמץ זאל ער אטענדען, ׃ אבער מ׳ דיקאטש, וואס איז בײ אונז האניראווע אכטיגעבער אויף די שוהל, ער זאגט אז איהם קומט דעם מכירת־חמץ, עס איז געפאסט געווארען אז די גאנצע ביזנעס זאל באלאנגען צו ר׳ דוד בן יוסף דיטקאטש, ווײל דאס איז׃׃׃ דעם שטר מכירה זאל ווערען גענומען בײ טאלנער רב׳ן.

אין שוהל **פסח** אין שוהל

זמן חרותינו

מ׳ קליין דער חזן. זײן דאווענען איז געווען זעהר פײן, און גוט. אלע זענען געווען צו פרידען פון זײן דאווענען׃׃׃ און אזוי ווי די ישיבה מאיר הגולה האט געבעטען בײ א מיטינג פון דער שוהל, אז דער יזכור, קאמפײן, וואס מען וועט מאכען אחרון של פסח זאל זײן ספעשיל פאר די ישיבה,-- דער קאמפײן האט ארײן געבראכט די סומע. פון - 132. דאלער, פאר די ישיבה מאיר הגולה. - די געלט האט מ׳ גלאזמאן און יחיאל הערמאן אוועק געטראגען צום ריכטיגען פלאץ, מען האט זעהר באדאנקט די שוהל

**מיטינג** 4 טען Jun 1951, אין שוהל דער סעקרעטער ב׳ ריטשלער האט באריכטעט אז עס איז ארײן געקומען אינוויטיישען פון ברודער זלמן קויפמאן. מיט זײן פרוי א **גאלדענע חתונה** וואס עס וועט פארקומען דעם 23. סטען JUNE 1951, א קומיטע פון שוהל איז גלײך ערוועלט געווארען צו באשײנען זײן שמחה. ב׳ יחיאל הערמאן און דוד דיקאטש. ׃ ב׳ זלמן קויפמאן, האט דענעטעט בלאמען אויף שבעות צו באשענען די שוהל,

## חג השבועות

די שוהל איז שבועותדיג מיט די שײנע בלומען וואס מ׳ קויפמאן האט דענעטעט, אללע מספ מתפללים זענען געווען צו פרידען, ׃ און פאר יזכור קאמפײן, שבועות איז געפאסט געווארען. אז מען זאל אפילירען צו אללע מתפללים צו געבען יזכור געלט. וואס עס וועט באלאנגען צום האספיטאל אויף האפף, ׃ און זכות וועט גאט אײך געבען געזאנט און לעבען מיט אײרע קינדער אמן ׃׃׃

# [illegible]

די גמרא זאגט אין יומא: אז צוליב מים הראשונים, האט אַ איד געגעסען חזיר, און צוליב מים אחרונים
איז אַ מענש דער'הרג'עט געווארען... אט דא זיינען די צוויי מעשיות. לויט'ן מדרש, — אמאל, - אין אַ צייט פון
גרויסע גזירות אויף אידען, ווען אידען זיינען נישט געווען זיכער מיט'ן לעבען, - איז געווען א איד וואס האט געהאט אַ רעסטאראן
און כדי מען זאל נישט מערקען אז ער א איד, פלעגט ער האבען מאכלים פון כשר'ע פלייש, און דערצו אויך אנדערע מאכלים פון חזיר
פלייש. און זיין פיהרונג איז אזוי: אז איינער פלעגט קומען און נישט וואשען די הענט (נטילת ידים) פארן עסען, האט ער געוואוסט
אז יענער איז אַ גוי, און ער פלעגט איהם געבען חזיר פלייש: און דער וואס פלעגט וואשען די הענט, און שטילערהייט מאכען אַ ברכה
האט ער געוואוסט, אז יענער איז א איד, און ער פלעגט איהם געבען כשר פלייש, - איינמאל איז אריינגעקומען אַ איד און האט נישט גע-
וואשען די הענט און נישט, אפילו אַ מאַך געטאן מיטאן ליפען, האט דער רעסטאראטאר געמיינט אז ער איז אַ גוי, און
האט איהם געגעבען חזיר פלייש. דער איד האט אפגעגעסען, און ווי דער שטייגער איז, — אז נישט געוואשען זיך צום עסען, האט
ער אויך נישט געבענשט, קיין ברכת המזון, און האט געבעטען אַ רעכענונג, דער רעסטאראטאר האט אויסגערעכענט וועפעל
איהם קומט, אזוי פיל פאר דיכרויט, און אזוי פיל פאר די פלייש.... א.א.וו. - פאר וואס רעכענסטו דו מיר פאר די פלייש צעהן
מָנֶה (אזא מַטבֵּעַ) און געכטען האסטו מיר גערעכענט אכט מנה? - האט יענער געפרעגט — וואס פארשטעהסטו
נישט, חזיר פלייש קאסט טייערער — האט דער רעסטאראטאר איהם ערקלערט, ווי נאר ער האט דאס ארויסגערעדט איז
איז יענער געווארען אַ פארציטערטער, ער האט זיך שטארק דערשראקען און שטילערהייט האט ער געזאגט: - איך בין
אַ איד און די האסט מיר געגעבען חזיר צו עסען, — די נְשָמָה זאל דיר ארויס — האט דער רעסטאראטאר געענטפערט; איך
האב געזעהן אז די זעצסט זיך עסען, און די הענט נישט געוואשען און קיין המוציא נישט געמאכט האב איך געמיינט אז די
ביזט אַ גוי, דאס האט פאסירט צוליב מים אחרונים, א איד האט געגעסען פַאסָאלִיעס, און נישט אפגעוואשען די הענט נאכ'ן
עסען, ער איז ארויס אין גאס, און זיינע פינגער זיינען נאך געווען פארפלעקט פון די פאסאליעס. אַ באקאנטער האט
איהם געזעהן, — דער באקאנטער זיינער, איז אוועק צו יענעמ'ס פרוי און האט געזאגט: - דיין מאן האט מיך געשיקט
אז דו זאלסט מיר געבען דיין רינג, אַ סימן האט ער געגעבען מיר, אז ער האט היינט געגעסען פאסאליעס, די פרוי
האט איהם געגעבען, איהר מאנ'ס רינג, - ווען דער מאן איז אהיימגעקומען און האט געפרעגט אויף דעם רינג, האט
די פרוי איהם געענטפערט: - יענער איז דאך דאָ געווען און געזאגט אז דו האסט איהם געשיקט נאכ'ן רינג, און ער
האט מיר געגעבען אַ סימן, אז דו האסט היינט געגעסען פאסאליעס, - דער מאן איז געווארען שרעקליך בייז, און ער האט
די דער'הרג'עט אויף דעם ארט, (במדבר רבה כ' 20)

287

# משלי י״ח

# מות וחיים ביד הלשון

אמור מעתה
מות וחיים ביד
הלשון

[redacted]

דאס אידיש לעבען, אדער חו״ש זיין טויט, איז
שטענדיג אנגעווענדט אן זייער צונג, לעבען די
בשלום צווישען זיך, און רעדען נאר גוטעס איינער
אויף דעם אנדערן, זיינען זיי בכח ביישטיין
אלע אנפאלען פון זייערע שונאים, הויבען זיי זיך
אבער אן ארומקריגען און בא׳עול׳ן איינער דעם
אנדערן, ווערען זייערע כחות צעפאלען,
: אין מדרש ״שוחר טוב״ ווערט דערציילט,
אין די צייטען פון שלמה המלך, איז דער קעניג
פון פערסיע שטערבליך קראנק געווארען. און
די דאקטוירים האבען דערקלערט, אז בלויז
אין רפואה איז פאראן פאר אים :- ער זאל טרינקען
מילך פון א לייבעכע וועט ער געזונט ווערען......
ווי אזוי אבער קען מען עס דערגרייכען ? האט
גענומען דער מלך פרס און האט אוועקגעשיקט
א שליח צו שלמה המלך נאך אן עצה, לאזט
שלמה רופען צו זיך זיין קאמאנדיער בניהו בן
יהודע, און פרעגט אים צו וויסט ער נישט, ווי אזוי
מען באקומט מילך פון א לייבכין ? רופט זיך אן בניהו
גיב מיר אדוני המלך צען ציגען, און איך וועל דיר
ברענגען לייבען מילך, האט בניהו גענומען צען
ציגען און איז אוועק צו א לייבין-גרוב, וואו א לייב-
יכע האט געזויגען אירע קינדער, - דעם ערשטען
טאג איז ער געשטאנען פון וויטען. און האט איר
צוגעווארפען פון וויטען (און האט) א ציג, דעם צווי-
טען טאג איז ער שוין צוגעגאנגען אביסעל נענטער
און איר ווידער צוגעווארפען א ציג, אזוי יעדען טאג
אלץ נענטער, ביז ער איז צוגעקומען צו דער סאמע
גרוב, און איז מיט דער לייביכע אזוי היימיש געוו-
ארען, אז ער האט זיך גענומען שפילען מיט איר
און אנגעצאפט מילך פון אירע ברוסטען. ערהאט
די מילך געבראכט צו שלמה׳ן. וועלכער האט עס
איבערגעגעבען צום שליח פון מלך פרס.
אומקערענדיג זיך אהיים, איז דער שליח אויפ׳ן
וועג איינגעשלאפען און עסהאט זיך אים גע׳חלומ׳ט
אז די אברים פון זיין קערפער פירען צווישען
זיך א-וויכוח. וועמען פון קומט דער דאנק פאר
דער געלונגענער שליחות. די פיס זאגען:
אונז קומט דער דאנק: ווען מיר וואלטען ניט געגאנגען. ווי
אזוי וואלט ער דעם [illegible] וועג דורכגעמאכט ? דערויף
ענטפערען די הענט : מיר זיינען דער עיקר. ווען ניט
מיר, ווער וואלט די מילך געטראגען ? - רופען זיך אן
די אויגען : א שיין פנים וואלט ער געהאט, ווען מיר ווייזען
ניט דעם וועג ! נעמט די צונג א ווארט און זאגט :
אן מיר. ווען איך זאל ניט געווען רעדען, וואלט איר
אלע גארנישט אויפגעטאן ! דא זיינען אלע גלידער
אין כעס געווארען און זיינען ארויס קעגען דעם צונג :
א העזה - זאגענדיי - צו ווערען זיך גלייכען צו אונז :
אין דער פינסטער לייגסטו דאך, מען זעט דאך דיר
גארנישט ארויס. אפילו קיין שטיקעל ביין פארמאגסטו
ניט אין באליידיגט זיך די צונג און ענטפערט : נו. איר
וועט שוין זען ווער איבער וועמען עס געוועלטיגט !......
אנקומענדיג אהיים איז דער שליח אריין צום מלך און
האט אויסגערופן מיט פרייד : אט איז אדוני המלך, די
מילך פון א הונט, וואס איך האב דיר געבראכט
אלעס רפואה .... דערהערט די דאזיגע ווערטער ווערט
דער מלך שרעקליך אין כעס און ער באפעלט, מען זאל
דעם שליח אויפהענגען ,.. נעמט מען דעם בחור אונטער
די ארעמס, און מען פירט אים צו דער תליה, אין אלע
אברים אין אים טרייסלען זיך נעבעך פון שרעק, רופט
זיך אן צו זיי די צונג : נו, וואס זאגט איר ? איצט. דעט איר
שוין, אז אהן מיר האט איר אלע קיין שום ווערט ניט.
ווערט די צונג רעדעוודיג : און די פארלאנגט פון דעם
תליון, מען זאל תיכף ומיד צוריקפירען דעם שליח צום
מלך ווייל עס האנדעלט זיך אין גאר א וויכטיגער זאך
אריינגעקומען צום מלך, ווענדט זיך צו אים די צונג און
זאגט : אדוני המלך. איך האב דעם כבוד צו באמערקן,
אז אין יענע ווייטע מקומות. רופט מען א-לייב-הונט :
צווייטענס, וואס איז די נפקא-מינה, ווי אזוי די מילך הייסט,
אבי מען האט פון איר די אמת׳ע רפואה ... פרוביר, אדוני מלך
האט דער מלך אזוי געטאן : ערהאט געטרונקען און איז
גלייך געהאלפען געווארען, - און דא האבען אלע אברים,
אהן אויסנאם אנערקענט, אז דער ווירקליכער
מושל איבער דעם מענשליכען קערפער, איז ניט
קיין אנדערער ווי די צונג, וואדים, ... ״החיים
והמות ביד הלשון״

# דער מנהג פון שלאגען כפרות

יום כפור פלעגט מען אין בית-המקדש ברענגען "שני שעירים" צוויי ציגען-בעק, (אחד לד׳) איינער פלעגט גיין פאר ג׳, מכפר צו זיין אויף די חטאים, געגען דער אמונה. און איינער ("לעזאזל") מכפר צו זיין אויף די חטאים וואס מען איז באגאנגען צוליב דעם טייוועל, צוליב די שווערע אומשטענד׳ן, וואס די אויסערליכע וועלט האט אויף אים ארויפגעצוואונגען: — אלעס א זכר. און אנדענק פון דעם "שעיר לעזאזל" איז ארויסגעוואקסען דער מנהג צו שלאגען כפרות. ערב יום כפור. — פרומע אידען פלעגען איינקויפען לעבעדיגע הענער. און הינער פאר יעדען מיטגליד פון דער פאמיליע, — א האהן פאר א זכר, און א הון פאר א נקבה, און עס ארומדרייען ארום קאפ און זאגען — זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפרתי — דער זאל מיך אובייטען, — דער זאל געהן פאר מיר, דער זאל זיין מיין כפרה. (סוף יומא. מרדכי)

זעהר א שיין מעשה׳לע ווערט איבערגעגעבען פון ב. יאשזאה ע״ה איבער דעם דין, פון שלאגען כפרות, א טאג פאר ערב יום כ׳ איז צו רבי אלימלך ע״ה פון ליזענסק, געקומען צופארען א חסיד, וועלכער איז צוגעשטאנען צום שמש, און איהם שטארק געבעטען ער זאל איהם געבען די מעגליכקייט צו זעהן ווי אזוי דער רבי איז זיך נוהג ביים שלאגען כפרות, — אז דער רבי אלימלך האט עס דערהערט, האט ער געהייסען דעם חסיד אריינרופען צו זיך, און האט איהם באפוילען, אז ער זאל תיכף נעמען א פוהר און אראפפארען אין דעם דארף, וואס ליגט ניט וויט פון ליזענסק, דארט זאל ער פאראָרען צו א געוויסען אידישען ארענדאר און בלייבען נעכטיגען, — דער חסיד האט געפאלגט דעם רבינ׳ס באפעל, און איז גלייך אוועק גיפורען צו ארענדאר, אריינקומענדיג אהין, האט ער געטראפען א פולע שטוב מיט שכור׳ע גוים, ארום וועלכע דער ארענדאר. און זיין ווייב האבען זיך ארומגעפארעט, דער חסיד האט זיך שטילערהייט אויסגעצויגען אויף דעם באנק, אין ווינקעל פון הויז, מאכענדיג זיך שלאפען און געקוקט און געווארט, נאך האלבער נאכט, ווען די שכור׳ע גוים זיינען זיך צוגאנגען, זעהט ער ווי דער ארענדאר, דרייט זיך הין און צוריק איבער׳ן צימער און זיפצט, און זיין ווייב דערלאנגט איהם צוויי אלטע צעפליקטע ביכער, וואס זי האט ארויסגעשלעפט פון אונטער׳ן בעט, דער ארענדאר עפענט איין בוך און מיט א וויינערינדיגער שטים, הויבט ער אן ארויסצולייענען פון די בלעטער כל מיני עבירות אין וועלכע ער איז נכשל געווארען במשך פון דעם יאהר: — אין דעם, און אין דעם, טאג האט ער אן ארימען אורח ניט אויפגענומען ווי עס באדארף צו זיין; אין אן אנדער טאג, האט ער זיך צוגעהערט צו די ניבול-פה פון שכור׳ע פויערים; אין דעם, אן אין דעם טאג האט ער געהאט שלעכטע מחשבות ביים דאווענען.

— און אזוי האט ער אויסגערעכנט א לאנגען צעטעל פון עבירות און געגאסען מיט ביטערע טרערען; — אז ער איז פארטיג געווארען מיט׳ן דעם ערשטען בוך, עפענט ער אויף דעם, צווייטען בוך און הויבט אן ארויסלייענען, בלאט נאך בלאט, אינ׳ם דאזיגען בוך זיינען געווען פארשריבען אלע דאגות, צרות און ליידען וואס ער איז במשך פון דעם יאהר, דורכגעגאנגען, א לאנגער. זעהר א לאנגער צעטעל, ניט געווען א טאג אהן עגמת-נפש, אהן עפעס א פורעניות, ווען ער איז אויך מיט דעם בוך פארטיג געווארען, האט ער אנגעשפארט, דעם קאפ אויפ׳ן טיש און זיך פארטיפט אין מחשבות, נאך א לענגערען טראכטען האט ער אויפגעהויבען די אויגען אין דער הויך און געזאגט; — "איך לייקען ניט רבונו של עולם, אז א גרויסען חוב קומט דיר ביי מיר. גאר א גרויסען חוב, — איך בין דיר גאר א סך שולדיג, אבער אויך מיר קומט ביי דיר א גרויסער חוב, אויך די ביזט מיר כביכול, א סך שולדיג, איך ווייס ניט וועלכער חוב עס איז גרעסער און ווען עס קומט א רעשט, עס איז א צו שווערער און פאר פלאנטערטער חשבון, ובכן רבונו של עולם, לאמיר דיין קוויט: דיין חוב פאר מיין חוב, דאס בוך פאר דעם בוך, דער פנקס פון חטאים, פאר׳ן פנקס פון די צרות, **זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפרתי**....

דער חסיד, וואס האט עס אלץ צוגעזעהן, איז צוערשט שטארק נשתומם געווארען, ביסלעכוויז, אבער האט אנגעפאנגען פארשטיין ווארעם דער רבי האט אים געשיקט אהער, כדי ער זאל דערגיין דעם אמת׳ן זין פון כפרות שלאגען..

289

# שלמה המלך אודער אשמדאי

ווען שלמה המלך האט געבויט דעם בית המקדש, האט ער געפרעגט די אידישע געלעהרטע
פון זיין צייט: „וואס זאל איך טהאן? די שטיינער מיט וועלכע מען דאַרף בויען דעם בית המקדש
טאהר מען ניט האקען מיט אַן אדייזען — היינט מיט וואס קען איך דאס האקען?" האבען די געל=
=עהרטע געענטפערט „עס איז דא אזא ווערימאל, וואס הייסט (שמור.)" — „עס איז באשאפען
געווארען פאר ששת ימי בראשית" — און אז מען לייגט איהם, ארויף אַ שטיין, צושפאלט זיך דער שטיין,
וואו אזוי קריג איך דעם שמיר? האט שלמה געפרעגט, „כאפּ אַ שד מיט אַ שד׳יכע, און צווינג זיי, אז
זיי זאלען דיר זאגען" — האבען די געלעהרטע געראטען, האט מען געכאפּט אַ שד מיט אַ שד׳יכע. און
מען האט זיי געצווינגען, אז זיי זאלען אויסזאגען ווי דער שמיר געפינט זיך, האבען זיי געענפערט אז מיר
ווייסען ניט, אפשר וויס דער אשמדי, דער קעניג איבער אלע שדים — וואו געפינט ער זיך? האט
שלמה געפרעגט ! ער געפינט זיך אין יענעם בארג, דארט האט ער אויס געגראבען אַ גרוב
און איהם אנגעפילט מיט וואסער, — פון אויבען האט ער איהם צוגעדעקט מיט אַ שטיין,
און דעם שטיין האט ער פע׳ח׳חתמ׳עט מיט זיין זיגעל, — יעדען טאג געהט ער אוועק אויף אַ רייזע
איבער דער וועלט, און יענער וועלט, נאכדעם קומט ער צוריק צו זיין ארט, ער בעטראכט פריהער, אויב
דער זיגעל איז גאנץ, און אויב אימיצער האט איהם אנגעריהרט ! נאכדעם דעקט ער אויף דיין גרוב. טרינקט
זיך אן מיט וואסער, פארדעקט די גריב צוריק, פערח׳תמ׳עט ווידער און געהט זיך ווידער אוועק. —

## שלמה האט זיך גענאמען צו ארבייט אויף צו זוכען דעם = אשמדאי =

האט ער געשיקט נאך (בניהו בן יהוידע) און האט איהם איבערגעגעבען די ארבייט צוחאפען
דעם אשמדאי, ער האט איהם מיטגעגעבען, אַ קייט, און אַ רינג, אויף וועלכען עס איז געווען
אויסגעקריצט, דעם נאמען פון גאט, .... און אַ ביסעל וואל, און עטליכע לאגלען מיט וויין, און איהם
געזאגט וואס ער האט צו טוהן, בניהו האט געפונען דעם בארג, און אזוי ווי דער אשמדאי, איז
דארט צו יענער צייט ניט געווען, האט ער זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט, צו לייגען אַ נעטץ
פאר׳ן מלך פון די (טייוואלים,) ער האט אונטער דער גרוב, אויסגעגראבען אַ צווייטען גרוב.
ארויסגעלאזט די וואסער פון דער אויבערשטער גרוב, און פערשטאפט, די לאך מיט וואל, נאכדעם
האט ער געמאכט אַ לאך פון אויבען און דורך דעם לאך ארייגעגאסען די וויין, — וועלכע איז
ארייגעפלאסען, אין דער גרוב וואס דער אשמדאי האט פער׳חתמ׳עט, מיט דעם זיגעל, ווען ער
מיט דעם פארטיג געווארען; האט זיך בניהו באהאלטען אין צווייגען פון אַ בוים און געווארט, ! דער
אשמדאי איז שפעטער געקומען, ער האט באטראכט דעם זיגעל, — עס איז געווען גאנץ, האט ער
ארא‌פגענומען דעם צודעק פון גרוב, און האט דערזעהן אז עס איז פול מיט וויין, — האט ער זיך
גענומען — שלאגען מיט דער דעה, אויב ער זאל טרינקען, אדער ניט — אבער ער איז געווען זעהר
דארשטיג, האט ער זיך ניט געקענט איינהאלטען, און האט זיך אנגעטרונקען, ער האט זיך איינ=
געשכו׳ר׳ט, און עס האט ניט לאנג גענומען, און ער איז געשמאק איינגעשלאפען ! זעהדינג
אז דער אשמדאי ליגט טויט שכור, איז בניהו, ארונטער פון בוים, האט ארויפגעווארפען די
קייט וואס ער האט געהאט ביי זיך. אויפ׳ן אשמדאי׳ס האלז, און האט איהם ארומגעבונדען פעסט
ארום האלז, — דער אשמדאי האט זיך אויפגעכאפּט פון זיין שלאף און זיך גענומען צאפלען, אזוי ווי אַ
משיגענער, אבער ער האט זיך פון דער קייט, ניט געקענט בעפרייען. .... דאַן האט בניהו איהם אבגעש=
=ראקען מיט גאטס נאמען, האט איהם בניהו געפירהט. פאר די קייט, און דער אשמדאי האט זיך געמוזט
לאזען שלעפּען, — ווען זיי זיינען פארבייגעגאנגען אַ בוים, האט דער אשמדאי זיך אַ קראץ געטהאן,
דעם ריקען אָן, איז דער בוים איינגעפאלען, — ער האט זיך אנגעשפארט אָן אַ הויז, איז די הויז צופאלען,
נאכדעם זיינען זיי אנגעקומען צו אַ בייבעל אין וועלכען עס האט אַן אלמנה, איז די ארויס איהם בעטען. ער
זאל ניט טשעפּען איהר ביידעל, און האט די ביידעל, צורוה געלאזט, ! געהעניג ווייטער האט דער אשמדאי
געזעהן אַ בלינדען מאַן בלאנדזשען, האט ער איהם ארויסגעפיהרט אויפ׳ן ריכטיגען וועג, — דאס זעלבע
האט ער געטהאן מיט אַ שכור וואס האט אויך געבלאנדזשט, — —

# צדיקי הדור

## א צדיק

## ר' שלום בעלזער

צום בעלזער צדיק ז'כ'ר'ל, פלעגען אמת'ע
מסוכ'דיגע חולים. קומען, ער האט זיי תמיד
געבראכט אַ רפואה שלמה, (חסידישע מעשה)
איינמאל אַ פרייטאג שפעט נאכמיטאג, האט
זיך צום בעלזער אין חדר, אריינגעריסען אַ
איד אויף קוליעס, ס'שוין לאנג געווען פאריבער
די צייט ווען דער צדיק נעמט אויף חסידים אויף
יחודות, דער צדיק האט שוין געהאט געמאכט
זיינע הכנות פאר'ן הייליגען שבת, די משמשים
און גבאים האבען געהאט שוין פארריגעלט ~~חדר~~
די טיר צום רבינ'ס חדר פאר קראנקען אידען,
– קומט נאך שבת ! – האבען זיי אויף איהם אנגע=
שריען, יענער האט אבער זיך צו זיי ניט צוגעהערט
– איך קען ניט שטעהן אויף מיינע פיס – האט זיך
דער חולה צושריען, – כ'האב קוים זיך אהער
דערשלעפט פון מֶרחָקִים, און איהר ווילט מיך
איצט אפילו ניט צולאזען צום רבין ! – דער איד
האט אנגעהויבען קלאפען אין דיל מיט די קוליעס
און שרייען און ליארעמען אזוי, – אז די גבאים
אין משמשים, האבען זיך ממש דערשראקען אין
איהם אפגעטראטען דעם וועג, – אז ער איז אריין צום
רבין אין חדר איז ער געבליבען שטעהן און אנגעקוקט
דעם צדיק (בדחילא ורחימא,) פאר אַ ווײַלע האט
איהם דער צדיק ניט באמערקט, שפעטער, אז דער
צדיק האט דעם אידען, מיט די קוליעס אנגעקוקט, האט
דער חולה אוסגעבראכען אין אַ געוויין, – רבי, ראטעוועט
מיך ! – האט ער געבעטען תחנונים – איך האב אַ
ווייב מיט קליינע עופה'לעך, און ווי אזוי קען איך
זיי מפרנס זיין אז איך קען אויף מיינע פיס ניט שטעהן?
דער צדיק האט איהם פאר אַ ווײַלע אנגעקוקט און דאן
געזוגט : – די פיס זיינען ביי דיר אפגעשוואכט געווארען,
דער פאר וואס דו האסט זיך שטענדיג געאײַלט אוס=
צוזעהן (שמונה עשרה,) די האסט קיינמאל קיין צייט ניט
געהאט אפצודאווענען ווי עס דארף צו זיין, שטענדיג זיך
געאײַלט, – אלץ צוליב דער ביטערער פרנסה – האט
דער חולה זיך פארענטפערט, ארונטערלאזענדיג
דעם קאפ ווי ער וואלט זיך געשעמט דעם רבין צו
קוקען גלייך אין פנים אריין, – דער צדיק האט געוואוסט
אלע זיינע פעלערען – דער חולה האט זיך אבער מיט
דעם ניט געוואלט לאזען אפשטויסען, – – און אז איך
בין יאָ באגאנגען אַ זינד, קומט מיך שוין אויף מיין
גאנץ לעבען צו בליבען אַ קאליקע, (רחמנה לצלן) ?

– האט ער געזאגט : – גיט מיר אַ תשובה.
רבי, אבי איך זאל מעהר ניט דארפען געהן אויף
קוליעס, – דער צדיק האט אריינגערופען זיין משמש
– יאסעל – רוף אהער ארײַן (כַאסֶע) דיקעכען.
דער שמש איז ארויס אויספירען דעם רבינ'ס שולחות
און דער איד אויף די קוליעס, האט געקוועטשט
מיט די פלייצעס וואונדערענדיג זיך וואס כאסע די קעכען
האט דא צו טאן, באלד איז כאסע די קעכען געשטאנען
פאר'ן רבי'ן. די איז געווען פארשמאיעט, – – –
קיין אנדער צייט מיך צו רופען, – האט זי גערעדט
מיט אַ פארוואורף – האט איהר ניט געהאט ? –
אַט איז מיר אויסגעגאנגען דאס פייער פון אונטער די
פיש, און מיר קענען נאך חלילה, בלייבען אהן פיש
אויף שבת ? – אבער פארוואס איז דען דאס פייער
אויסגעגאנגען ? – האט דער בעלזער געוואלט וויסען
– ווי כאסע'ס ברוגעז וואלט איהם ווייניג וואס אנגע=
גאנגען, – פארוואס, פרעגט איהר ? האט כאסע זיך
צעשריען, – וואס בינוש דער האלץ-העקער האט
ניט אנגעהאקט גענוג האלץ, ! איצט כאטש, געה
שטעל זיך אין מיטען דרינען האקען האלץ. ! –
דער בעלזער האט אַ שמייכעל געטאן און געריכטעט
זיין בליק אויף דעם אידען מיט די קוליעס. – וואס
שטעהסטו דען ווי אַ גולם ? – האט זיך דער צדיק
אויף איהם צעשריען, – כאסע דארף האלץ פאר'ן פייער,
אניט וועט זי קיין פיש אויף שבת ניט האבען, גיב
איהר די קוליעס ! אַ האלב. צעטומעלטער האט דער
איד א נעם געטאן די קוליעס, און זיי געגעבען צו כאסען
אבער ווי דורך אַ נס איז ער געבליבען שטעהן אויף די
פיס, – אזוי גיט מען עס האלץ צום הייצען ? – האט דער צדיק
גערעט, – צוברעך די קיליעס, ער האט גענומען און זיי צובראכען
איבער זיינע קני, – זיינע קראנקע פיס האבען איהם געדינט
ווי זיי וואלטען געווען פון איידען – כאסע האט אַ כאפ
געטאן די צעבראכענע קוליעס אין ארויס פון חדר, אַ
פארגאפטע, און דער איד איז געבליבען שטעהן אַ פרישער
און אַ געזונטער, – איצט געה זיך דיר אויף דער אַכְסַנְיָא
אין די דיך מְכִין צו שבת, – האט צו איהם געזאגט דער
רבי; און מהיום והלאה זאלסטו זיך ניט אײַלען – –
אויס צוזעהן שמונה עשרה, אין זיך בכלל ניט אײַלען
מיט'ן דאווענען אַ גוטען שבת

# שלמה המלך און דער אשמדאי

שלמה המלך, האט דעם אשמדאי פערהאלטען ביי זיך און, געדענקט איהם צו האלטען, אין קייטען ביז ער וועט אויסבויען דעם. בית המקדש. - איינמאל זיינען זיי געווען אליין צוזאמען, אין אַ צימער, האט שלמה געפרעגט, זאג מיר אין וואס בעשטעהט דיין קראפט, ? האט אשמדאי, געענטפערט. די נעם נאר אראפ פון מיר די קייט, און גיב מיר דיין רינג, וועל איך דיר צייגען מיין גבורה, האט שלמה אראבגענומען פון אשמדאי די קייט, און איהם געגעבען דיין רינג, דער אשמדאי האט דעם רינג איינגשלונגען. און ער האט אַ ווארף געטוהן שלמה'ן אויף פיער הינדערט מייל, וייט,,—

שלמה המלך האט זיך געפונען אין אַ פרעמדען ארט, צווישען מענשען וועלכע האב איהם ניט געקענט. איז ער געגאנגען אין האט אלעמען געזוגט, איך בין. שלמה דער אידעשער מלך פון ירושלים, האבען איהם מענשען אונגענומען פאר אַ משוגענעם. קיינער האט איהם ניט געוואלט גלויבען, איז ער געגאנגען, וייטער, און וייטער, אין אויפ'ן וועג, פלעגט ער ארומגעהן איבער די הייזער מיט אַ שטעקען אין דער האנד, בעטלען אום צו דער האלטען זיין נשמה, - אין וואו ער פלעגט קומען. פלעגט ער אלץ זאגען די זעלבע זאך, (אני שלמה,) — אז ער איז שלמה, המלך, יעדער איינער האט איהם אנגענומען פאר אַ משוגענעם בעטלער, אבער ווי עס שיינט איז ער אזוי. פערענדערט געווארין אז די מענשען פון ירושלים, האבען איהם ניט דערקענט אין האבען איהם אויך געהאלטען, פאר אַ משוגענעם, איז ער געקומען צו די סנהדרין, האבען די אידעשע געלעהרטע געזוגט, אז אַ משוגענער, רעדט נאר אלץ פון איין זאך, מיז דא זיין אַן אֱמֶת. האבען זיי געשיקט נאך בניהו וועליכער איז געווען שלמה'ס נאהענטסטער פריינד. האבען איהם געפרעגט, האט דער מלך דיך, אין דער לעצטע צייט גערופען צו זיך. ? האט בניהו געענטפערט ניין, !- האבען די סנהדרין געשיקט פרעגען דעם קיניג'ס וייבער אויב דער קיניג האט זיי דערהען, האבען זיי געענטפערט אז ער קומט, אויב אזוי, האבען די סנהדרין געפרעגט. גיט אַ קוק, אויב ער האט קעלבענע פיס; טראגט שטיוועל האבען זיי געענטפערט, אין ער נעמט זיי קיינמאל ניט ארונטער, האבען די סנהדרין געלאזט אריינפיהרען שלמה'ן אין דיין פאלאסט, און זיי האבען איהם געגעבען, די קייט מיטען רינג, און ווי נאר דער אשמדאי האט איהם דערזעהן, איז ער אנטלאפען, אין דאך, אפילו נאכדעם, ווי דעם אשמדאי איז אנטלאפען, האט שלמה נאך אלץ געשראקען זיך, פאר איהם, אין באוואפענטע סאלדאטען פלעגען שטעהען ארום זיין בעט, דורך די גאנצע נעכט. ,,זעה און דער גְמָרָא גִטִין דַף סח׳

א חסידישער רבי איז דוכגעפארן אַ אידיש שטעטעל אין דער אלטער היים. שטייען עטליכע וייבער, ווישען זיך די אויגען און ווינשעווען זיך. זאגט די ערשטע: — זאל מיך גאט בענשען מיט אַ קינד. ווי דער רבי זאל לעבען איז. — ווען די צווייטע האט דערהערט, אז די ערשטע האט שוין פארכאפט דעם רבי'ן פאר זיך, האט זי זיך געווינשען, אז גאט זאל איר בענשען מיט אַ קינד, ווי דיין גבאי איז. — די דריטע, האט זיך געוואונשען, אז גאט זאל איר געבען אַ קינד, ווי זיין שמש איז, רופט זיך אפ די פערטע: — איך וועל זיך צופרידענשטעלען מיט אַ קינד ווי דיין בעל-עגלה איז. —

ווען די פינפטע האט געזען, אז די פיר פרויען האבען שוין פארכאפט פאר זיי, דעם רבי'ן. דעם גבאי. דעם שמש, אין אפילו דעם בעל-עגלה אויך, האט זי געזאגט: — איך וועל זיך שוין מוזען באנוגענען מיט אַ קינד ווי דאס פערד פון רבי'נס קארעטע,

# שלמה המלך און דער אשמדאי

ווען ער האט ווייטער. געזעהן ווי מען פיהרט אַ חתן מיט אַ כלה צו דער חופה, מיט פרעהליכע טענץ, האט ער געוויינט, געהענדיג נאך ווייטער. האט ער געהערט ווי איינער זאגט צו אַ שיסטער מאך מיר אַ פאאר שיך איך זאל קענען טראגען אַ זיבען יאהר, האט דער אשמדאי געלאכט, צולעצט האט ער געזעהן אַ (מכשף), זיצען אויף אַ ארט און פראוון כשוף, האט דער אשמדאי ווידער געלאכט, — זאג מיר, האט בניהו געפרעגט, פאר וואס אז די האסט געזעהן דעם בלינדען בלאנדזשען, האסטו איהם ארויפגעפיהרט אויפ'ן וועג, ווייל האט דער אשמדאי געענטפערט, איך האב געהערט, ווי מען האט אויס געריפען אין הימעל, אז דער בלינדער איז אגרויסער צדיק, און ווער עס וועט איהם עפעס אַ טובה טוהען, דער וועט האבען עולם-הבא, — פאר וואס האסטו דעם שיכור ארויף געפיהרט אויפ'ן גלייכען וועג, ווען ער האט געבלאנדזשעט, איך האב געהערט ווי מען האט אויסגערופען אין הימעל, אז דער שיכור איז אַ גרויסער רשע, האב איך איהם געטוהן אַ טובה, כדי איך זאל קענען צונעהמען דיין חלק לעולם הבא אין פאר וואס האסטו, געוויינט ווען דו האסט געזעהן, די חתנה? — ווייל איך וויס אז דער חתן וועט שטארבען אין דרייסיג טעג צייט, און די כלה וועט דארפעןווארטען. דרייצען. יאהר אויף חליצה, ווייל דער יבם איז נאך אַ קליין קינד. — וואָרום האסטו געלאכט ווען די האסט געהערט, דאס דער, מאן באשטעלט, ביי אַ שוסטער. אַ פאָר שיך, אויף זיבען יאהר? ווי זאל איך ניט לאכען? יענער האט קוים זיבען טעג צו לעבען, וויל ער אָן זיך. אנגרייטען אויף זיבען יאהר — און וואס האסטו עפעס געלאכט פון דעם מכשף? איך האב געלאכט ווייל, איטען, אויף דעם וואס דער מכשף. ווי ער איז געזעסען, ליגט באַגראבען אַ גרויסער אוצר. און ער דער מכשף, וואס מיינט אז ער איז אַ גרויסער טרעפער, האט ער גארניט געוויסט, —

## שלמה האט געפונען דעם שמיר

ווען בניהו, האט דעם אשמדאי געבראכט צו שלמה'ן, האט מען איהם. פאר דריי טעג צייט געהאלטען געפאנגען, נאכדעם האט שלמה געהייסען איהם ברענגען, צו זיך. — ווי נאר דער אשמדאי איז אריין האט ער גענומען אַ שטעקען, האט אבגעמאסטען, פיער איילען און האט דעם שטעקען אַווארף צו שלמה'ן, וואס בעדייט עס? האט שלמה המלך געפרעגט, — "דאס בעדייט אזוי." האט דער אשמדאי געענטפערט, — נאך אַ גאנץ לעבען פון יאגען זיך. און האַבעווען: בלייבט דער מענש בלויז ביי פיער איילען ערד, און די האסט שוין איינגענומען די גאנצע וועלט. און דו בידט נאך ניט געווען צופרידען ביז דו האסט מיך אויך איינגענומען. — איך וויל פון דיר גארניט, האט שלמה געזוגט, איך וויל נאר. אז די זאלסט מיר געבען דעם. שמיר. אום איך זאל קענען מיט איהם שפאלטען די שטיינער וואס איך דארף האבען צו בויען דעם, בית המקדש, — ניט ביי מיר געפינט זיך דער שמיר, האט דער אשמדאי געענפערט ער איז איבערגעגעבען געווארען, אין די הענד פון דעם (שר של ים.) אין דער. שר של ים, האט איהם איבערגעגעבען. צו דעם ווילדען האהן, און איהם באשווירען אז ער זאל דאס ניט איבערגעבען אין די הענד פון מענשען, — צו וואס דארף דער ווילדער האהן, דעם שמיר? — ער געהט צו אַן אָרט וואס איז וויסט, און לעהר. און וואו עס וואקסט דארט קיין זאך, מיט שמיר און מויל- מאכט ער שפאלטן און די בערג. און אין די שפאלטען ווארפט ער אריין זאמען. פון די בוימער און פערשעדענע פלאנצען, און דער ווילדער-האהן, אין דיינע קינדער האבען וואס צו עסען, שלמה המלך האט געשיקט מענשען אויס צוגעפונען ווי דער ווילדער האהן געפינט זיך, — און דיי האבען געפונען, דיין נעסט, האבען זיי דעם אריין אריינגאנג פארשטעלט מיט אַ גלאז, דער האהן איז געקומען, און ניט קענענדיג אריינגעהן, האט ער געבראכט דעם שמיר, און ארויפגעלייגט אויפ'ן גלאז, כדי דאס צושפאלטען, — אין דעם אויגענבליק האבען שלמה'ס מענשען. וואס זיינען געוועזן פארשטעקט, אין דעם געגענד, גענומען שרייען און מאכען אַ טומעל, — דער האהן, האט זיך דער שראקען און געלאזט פאלען דעם שמיר, — האבען דאס שלמה'ס שלוחים צוגענומען — דער האהן האט געזעהן, אז דער שמיר איז פארלוירען, האט ער זיך דערמאנט אויף דער שבועה, וואס ער האט געגעבען צום שר של ים, און פאר גרויס צער, האט ער זיך דערווארגען,

## דעם אשמדאי'ס גבורה

אויינען

# געזאגט האט רבי אליעזר

די מתים וואס יחזקאל הנביא האט לעבעדיג
גימאכט, האבען זיך אויפגשטעלט אויף זיירע פיס,
געזונגען אַ ליב געזאנג צו גאט. — נ — און זיינען נאכדעם
ווידער געשטארבען. ר' יהודה בן (תריא) בתירא, האט
געזוגט, די מתים וואס יחזקאל האט לעבעדיג געמ=
=אכט, זיינען אוועק אין ארץ ישראל, האבען דארט
גענומען ווייבער, אין האבען געהאט זוהן. און טעכטער
אין איך קום ארויס פון יענע לעבענדיגע געווארענע
אין דאס זיינען די תפילין, וואס מיין פאטער האט מיר
איבער געלאזען. וועלעכע ער האט געיארשנ'ט, פון
זיין טאטען, ר' יוחנן האט געזוגט די מתים וואס יח'קאל האט
לעבעדיג געמאכט — זיינען די מארטירער וואס זיינען
געפאלען, ׀ אין דעם טהאל דורא: נבוכדנאצר,
האט פערטריבען די אידען אין גלות, זיינען צווישען
די פערטריבענע געווען אזעלכע יונגע לייט.
וועלעכע האבען פערדונקעלט די זון, מיט זייער
שעהנקייט, — און אז די פרויען פון כשדים האבען
געזעהן די שעהנע אידעשע יונגע לייט, האט זיך אין
זייערע הערצער אנגעצונדען אַ פייער פון ליבע,
האבען זיי פין דעם דערצעהלט צו זייערע מענער,
און די מענער האבען דאס, איבערדערצעהלט צום
מלך, ׀ האט נבוכדנאצר געגעבען אַ באפעהל אז מען
זאל די יונגע לייט אויסהאר'גענ'ען, אבער טויטערהייט
זיינען די יונגע געפאנגענע, נאך געווען אזוי שעהן.
דאס די ווייבער, זייער אויגען ניט געקענט אראנטער=
=נעמען פין זיי, האט דער מלך געהייסען אז פערד
זאלען זיי צוטרעטען ביז פון זייער שיינהקייט איז
קיין שפיר פערבליבען. סנהדרין. צ"ב

## אַן אמת'ע שטאדט

### דער רבי האט איינמאל אזוי געזאגט

אַ מאל פלעג איך מיינען אז עס איז ניטדא קיין אמת
אויף דער וועלט, האט מיר איינער פון די רבנן דערצעלט
אז ווען מען זאל איהם געבען, אלעס דאס גוטעס פון דער
גאנצער וועלט, וואלט ער קיין ליגען געזאגט, אַט וואס
מיט [illegible] איהם האט איינמאל פאסירט :·· איינמאל איז
ער געקומען אין אָרט וואס הייסט (קושטא) דאס מיינט
אמת, די מענשען פון דער שטאדט האבען קיינמאל
קאליגען געזאגט, אימער געהאלטען ווארט. קיינמאל
איז אין דער שטאדט, געשטארבען אַ מענש פאר דער
צייט. — די שטאדט איז איהם אזוי געפעלען, געווארען,
דאס ער האט באשלאסען דארטען צו פערבליבען
האט ער דארט אַ שידוך געטוהן, אין האט גענומען
אַ ווייב פון דער שטאדט, אין די האט איהם געבוירען
צוויי קינדער, ׀ — איין טאג. איז זיין פרוי געשטאנען
אין האט זיך געוואשען איהר קאפ; — איז געקומען
אַ שכנה, אין האט אנגעקלאפט אין טיהר, האט ער
געטראכט. עס פאסט עפעס ניט ארייצולאזען אַ
פרעמדען מענשען אין הויז אין אזא צייט; — —
האט ער צו דער שכנה געזאגט אז זיין פרוי איז יעצט
ניט אין דער היים, גלייך נאכדעם זיינען ביי איהם
געשטארבען דיביידע קינדער; — איז אין דער שטאדט
געווארין אַ טימעל, צוויי קינדער געשטארבען — —
אזא זאך איז דארט קיינמאל געשעהן, זיינען די מענשען
פון דער שטאדט, געקומען פרעגען, ווי אזוי דאס איז
געשעהן, הא ער דער ציילהט די גאנצע, מעשה, אז
ער האט געזאגט אַ ליגען; — מיר בעטען דיך, האבען
די שטאדט געזוגט, גיה אוועק פון אינדער שטאדט,
און רייץ אויף אונז ניט אן דעם טויט, סנהדרין. צ"ז

# משיח׳ס צייטען

## ר׳ נהוראי זאגט,

משיח וועט קומען אין אַזאַ צייט, ווען אינגלעך
באליידיגען עלטערען מענשען, און עלטערע
וועלען שטעהן אויף די פיס, פאר אינגערע, און אַ
טאכטער וועט זיך ארויסשטעלען געגען דער מוטער
און אַ שנור געגען אַ שוויגער. — און דער גאנצער
דור, וועט האבען אַ פּנום אזוי אַ הינט, און אַ זוהן
וועט זיך ניט שעהמען פאר זיין פאטער. — דער דור
אין וועלעכען משיח וועט קומען, וועט זיין פול מיט
עזות, די פרומע וועלען, ווערען-קרומע, טרייבען
וועלען זיין אַ סאך, און ויין וועט זיין טהייער.

אנדערע זאגען: — משיח וועט ניט קומען, ביז עס
וועט זיך אויסנעהמען די לעצטע פרוטה. פון
בייטעל. — אנדערע זאגען. משיח וועט ניט קומען
סיידען אידען וועלען שוין אויפגעבען האפנונג, צו
ערלייזט ווערען,

### אז מען האט אַ טאכטער

אַ פאטער וואס האט אַ טאכטער, שלאפט איבער
איהר קיין נאכט, ווען די איז נאך אַ קליינע מיידעלע
זארגט ער זיך, טאמער חבר׳ט זי זיך מיט שלעכטע
חבר׳טעס, און זי׳ לערנען איהר שלעכטע זאכען, אז די
ווערט אַ ביסעל עלטער, האט ~~טאמער~~ ער מורא
טאמער לאזט זי זיך אוועק אויף אַ קרומע
וועג, אז זי ווערט שוין אַ כּלה מויד האט ער מורא
טאמער באקומט זי ניט קיין חתן, אז די האט שוין
חתונה האט ער מורא, טאמער וועט די קיין קינדער האבען
און זי האט שוין קינדער, און ווערט שוין אַן עלטערע פרוי,
שרעקט זיך זיין הארץ טאמער ווערט זי אַ מכשפה.

סנהדרין ק״ז צ״ז צ״ח ק׳

### דער ערשטער מענשען מארד,

ווען קין האט געוואלט הארגענען, זיין ברודער הבל
האט ער ניט געוויסט פון וואנען, די נשומה קומט ארויס
ביי אַ מענשען; — האט קין איהם געמאכט פיל מיט בייסען,
אין ווינדען; — און ער האט נאך אלץ געלעבט, ביז
ער איז געקומען צום האלדז, אָט דא האט ער
געענדיגט זיין לעבען, סנהדרין ל״ז

## בלעם׳ס עצה

בלעם האט אזוי געזאגט, צו בלק׳ן: איך וועל דיר
געבען אַן עצה, דער גאט פון די אידען האט זייער פיינט
אויסגעלאסענהייט. און זיי אליין, די אידען האבען שטא=
=רק ליב ליינווענטענע קליידער, זאלסטו טהון אזוי,
שטעל אין די גאסען, פאווליאנען, זעץ אין זיי ארייַן
אויסגעלאסיענע פרויען; — אין יעדען פאווליאן ~~אין~~
זעץ אוועק אַן עלטערע פרוי אין דרויסען, אין
אַ אינגערע. פון אינייוועניק, — בלעם האט בלק׳ן
ערקלערט זיין גאנצען פלאן; — אין דער רעזעלטאט
איז געוועזן אזוי: ווען די אידען זיינען געקומען, אין
האבען זיך געלאזט וואויל געהן, עסען אין טרינקען
אין אמזירען זיך, און זיינען ארויס אין מארק וואו
די פאוויליאנען זיינען געוועזן, אויפגעשטעלט. פלעגט
די אלטע אבשטעלען אַ אידען אין איהם פרעגען
אפשר ווילט איהר קויפען ליינווענטענע קליידער,
די אלטע פלעגט איהם זאגען אַ גלייכען מקח.
אבער די אינגערע וואס פלעגט זיצען אינעווייניק
פלעגט אויסריפען קומט אריין אהער, איך וועל דיר
געבען פאר אַ העלפט, פאר אַדריטעל פון דעם פרייז.
אז דער איד פלעגט שוין אריינקומען, פלעגט די
צו איהם זאגען; — זיץ אַ ביסעל, די ביסט ביי מיר ווי אַן
אייגענער מענש, און אַ בן בית, זיץ אין קלויב
דיך אליין אויס סחורה, און דער ווייל פלעגט די אנצייגען
אויף קריגלעך ויין, וואס זיינען געשטאנען נעבען איהר,
אין זאגען, ווילסטו טרינקען אַ ביסעל ויין. — אין ווי
נאר דער איד האט געטרונקען פון דעם ויין האט
זיך. אין איהם אנגעצונדען אַן אונרייניגע פייער, דאן
פלעגט די, ארויסנעהמען אַ געטשקע, פון איהר שויס
און דעם אידען צוריידען אז ער זאל דינען צום די
געטער, אין לייקענען אין תורת משה. סנהדרין ק״ו

# געזאגט האט רבי אליעזר

די מתים וואס יחזקאל הנביא האט לעבעדיג
געמאכט, האבען זיך אויפגעשטעלט אויף זיירע פיס,
געזונגען אַ לויב געזאנג צו גאט. - נ- און זיינען נאכדעם
ווידער געשטארבען. ר' יהודה בן (תריא) בתירא, האט
געזוגט, די מתים וואס יחזקאל האט לעבעדיג געמ-
אכט, זיינען אוועק אין ארץ ישראל, האבען דארט
גענומען ווייבער, און האבען געהאט זוהן. און טעכטער
און איך קום ארויס פון יענע לעבענדיגע געווארענע
און דאס זיינען די תפילין, וואס מיין פאטער האט מיר
איבער געלאזען. וועלעכע ער האט געיארשנ'ט, פון
זיין טאטען, ר' יוחנן האט געזוגט די מתים וואס יחזקאל האט
לעבעדיג געמאכט - זיינען די מארטירער וואס זיינען
געפאלען, / אין דעם טהאל דורא. - נבוכדנאצר,
האט פערטריבען די אידען אין גלות, זיינען צווישען
די פערטריבענע געווען אזעלכע יונגע לייט.
וועלעכע האבען פערדונקעלט די זון, מיט זייער
שעהנקייט, - און אז די פרויען פון כשדים האבען
געזעהן די שעהנע אידעשע יונגע לייט, האט זיך אין
זייערע הערצער אנגעצונדען אַ פייער פון ליבע,
האבען זיי פין דעם דערצעהלט צו זייערע מענער,
און די מענער האבען דאס, איבערדערצעהלט צום
מלך, / האט נבוכדנאצר געגעבען אַ באפעהל אז מען
זאל די יונגע לייט אויסהארגענ'ן, אבער טויטערהייט
זיינען די יונגע געפאנגענע, נאך געווען אזוי שעהן.
דאס די ווייבער, זייער אויגען ניט געקענט אראנטער-
נעמען פין זיי, האט דער מלך געהייסען אז פערד
זאלען זיי צוטרעטען ביז פון זייער שיינהקייט איז
קיין שפיר פערבליבען. סנהדרין. צ"ב

# אַן אמת'ע שטאדט

## דער רבי האט איינמאל אזוי געזאגט

אַ מאל פלעג איך מיינען אז עס איז נישטא קיין אמת
אויף דער וועלט, האט מיר איינער פון די רבנן דערצעלט
אז ווען מען זאל איהם געבען, אלעס דאס גוטעס פון דער
גאנצער וועלט, וואלט ער קיין ליגען געזאגט, אָט וואס
מיט איהם האט איינמאל פאסירט: ... איינמאל איז
ער געקומען אין אָרט וואס הייסט (קושטָא) דאס מיינט
אמת, די מענשען פון דער שטאדט האבען קיינמאל
קאליגען געזאגט, אימער געהאלטען ווארט, קיינמאל
איז אין דער שטאדט, געשטארבען אַ מענש פאר דער
צייט. - די שטאדט איז איהם אזוי געפעלען, געווארען,
דאס ער האט באשלאסען דארטען צו פערבלייבען
האט ער דארט אַ שידוך געטוהן, און האט גענומען
אַ ווייב פון דער שטאדט, און די האט איהם געבוירען
צוויי קינדער, / - איין טאג, איז זיין פרוי געשטאנען
און האט זיך געוואשען איהר קאפ; - איז געקומען
אַ שכנה, און האט אנגעקלאפט אין טיהר, האט ער
געטראכט, עס פאסט עפעס ניט ארייצולאזען אַ
פרעמדען מענשען אין הויז אין אזא צייט; -
האט ער צו דער שכנה געזאגט אז זיין פרוי איז יעצט
ניט אין דער היים, גלייך נאכדעם זיינען ביי איהם
געשטארבען די ביידע קינדער; - איז אין דער שטאדט
געווארען אַ טימעל, צוויי קינדער געשטארבען --
אזא זאך איז דארט קיינמאל געשעהן, זיינען די מענשען
פון דער שטאדט, געקומען פרעגען, ווי אזוי דאס איז
געשעהן, הא ער דער ציילהט די גאנצע, מעשה. אז
ער האט געזאגט אַ ליגען; - מיר בעטען דיך, האבען
די שטאדט געזוגט, געה אוועק פון אינדער שטאדט,
און רייץ אויף אונז ניט אן דעם טויט, סנהדרין. צ"ז



# משיח׳ס צייטען

## ר׳ נהוראי זאגט,

משיח וועט קומען אין אַזאַ צייט, ווען אינגלעך
באלײדיגען עלטערען מענשען, און עלטערע
וועלען שטעהן אויף די פיס, פאר אינגערע, און אַ
טאכטער וועט זיך ארויסשטעלען געגען דער מוטער
און אַ שנור געגען אַ שוויגער.! — און דער גאנצער
דור, וועט האבען אַ פָּנים אזוי אַ הינט, און אַ זוהן
וועט זיך ניט שעהמען פאר זיין פאטער. — דער דור
אין וועלעכען משיח וועט קומען, וועט זיין פול מיט
עזות, די פרומע וועלען, ווערען — קרומע, טרייבען
וועלען זיין אַ סאך, און ווײן וועט זיין טהייער..

אנדערע זאגען. — משיח וועט ניט קומען, ביז עס
וועט זיך אויסנעהמען די לעצטע פרוטה, פון
בייטעל. — אנדערע זאגען, משיח וועט ניט קומען
סיידען אידען וועלען שוין אויפגעבען האפנונג, צו
ערלײזט ווערען,

### אז מען האט אַ טאכטער

אַ פאטער וואס האט אַ טאכטער, שלאפט איבער
איהר קיין נאכט, ווען די איז נאך אַ קליינע מיידעלע
זארגט ער זיך, טאמער חבר׳ט זי זיך מיט שלעכטע
חבר׳טעס, און די לערנען איהר שלעכטע זאכען, אז די
ווערט אַ ביסעל עלטער, האט טאמער ער מורא
טאמער לאזט זי זיך אוועק אויף אַ קרומע
וועג, אז די ווערט שוין אַ כַּלָה מויד האט ער מורא
טאמער באקומט די ניט קיין חתן, אז די האט שוין
חתונה האט ער מורא, טאמער וועט די קיין קינדער האבען
און די האט שוין קינדער, און ווערט שוין אַן עלטערע פרוי,
שרעקט דיך דיין הארץ טאמער ווערט די אַ מכשפה.

סנהדרין ק״ז צ״ח ק׳

### דער ערשטער מענשען מארד,

ווען קין האט געוואלט הארגענען, זיין ברודער הבל
האט ער ניט געוויסט פון וואנען, די נשומה קומט ארויס
ביי אַ מענשען. — האט קין איהם געמאכט פיל מיט ביילען,
אין ווינדען. — און ער האט נאך אלץ געלעבט, ! ביז
ער איז געקומען צום האלדז, אָט דא האט ער
געענדיגט זיין לעבען, סנהדרין ל״ז

## בלעמ׳ס עצה

בלעם האט אזוי געזאגט, צו בלקן: איך וועל דיר
געבען אַן עצה, דער גאט פון די אידען האט זייער פיינט
אויסגעלאסענהייט, און זיי אליין, די אידען האבען שט=
=ארק ליב לײנווענטענע קליידער, זאלסטו טהון אזוי
שטעל אין די גאסען, פאוויליאנען, זעץ אין זיי ארײן
אויסגעלאסיענע פרויען; — אין יעדען פאוויליאן ~~אין~~
זעץ אוועק אַן עלטערע פרוי אין דרויסען, און
אַ אינגערע פון אינייוועניק, ! בלעם האט בלקן
ערקלערט זיין גאנצען פלאן; — אין דער רעדעלטאט
איז געוועזען אזוי: ווען די אידען זיינען געקומען, און
האבען זיך געלאזט וואויל גיהן, עסען און טרינקען
אין אמזידערען זיך, און זיינען ארויס אין מארק וואו
די פאוויליאנען זיינען געוועזען, אויפגעשטעלט, פלעגט
די אלטע אבשטעלען אַ אידען און איהם פרעגען
אפשר ווילט איהר קויפען לײנווענטענע קליידער,?
די אלטע פלעגט איהם זאגען אַ גלייכען מקח. !
אבער די אינגערע וואס פלעגט זיצען אינעווייניק
פלעגט אויסריפען קומט ארײן אהער, איך וועל דיר
געבען פאר אַ העלפט, פאר אַ דריטעל פון דעם פרייז.
אז דער איד פלעגט שוין ארײנקומען, פלעגט די
צו איהם זאגען; זיץ אַ ביסעל, די ביסט ביי מיר ווי אַן
אייגענער מענש, און אַ בֶּן בַּיִת, זיץ און קלויב
דיך אליין אויס סחורה, און דער ווייל פלעגט די אנצייגען
אויף קריגלעך ווײן, וואס זיינען געשטאנען נעבען איהר,
און זאגען, ווילסטו טרינקען אַ ביסעל ווײן? און ווי
נאר דער איד האט געטרונקען פון דעם ווײן האט
דיך, אין איהם אנגעצונדען אַן אונרנעשה [אונרײנער] פייער, דאן
פלעגט די, ארויסנעהמען אַ געטשקע, פון איהר שויס
און דעם אידען צוריידען אז ער זאל דינען צום די
געטער, און לייקענען אין תורת משה. סנהדרין ק״ו

# געזאגט האט רבי אליעזר

די מתים וואס יחזקאל הנביא האט לעבעדיג
גימאכט, האבען זיך אויפגשטעלט אויף דיירע פיס,
געזונגען אַ ליב געזאנג צו גאט.— נ—און זיינען נאכדעם
ווידער געשטארבען. ר׳ יהודה בן [בתירא] בתירא, האט
געזוגט, די מתים וואס יחזקאל האט לעבעדיג געמ=
=אכט, זיינען אוועק אין ארץ ישראל, האבען דארט
גענומען ווייבער, אין האבען געהאט זוהן. און טעכטער
אין איך קום ארויס פון יענע לעבענדיגע געווארענע
אין דאס זיינען די תפילין, וואס מיין פאטער האט מיר
איבער געלאזען. וועלעכע ער האט געיארשנ׳ט, פון
זיין טאטען, ר׳ יוחנן האט געזוגט די מתים וואס יחזקאל האט
לעבעדיג געמאכט.— זיינען די מארטירער וואס זיינען
געפאלען, נ׳ אין דעם טהאל דורא: נבוכדנאצר,
האט פערטריבען די אידען אין גלות, זיינען צווישען
די פערטריבענע געווען אזעלכע יונגע לייט.
וועלעכע האבען פערדונקעלט די זון, מיט זייער
שעהנקייט,— און אז די פרויען פון כשדים האבען
געזעהן די שעהנע אידעשע יונגע לייט, האט זיך אין
דייערע הערצער אנגעצונדען אַ פייער פון ליבע,
האבען זיי פין דעם דערצעהלט צו דייערע מענער,
און די מענער האבען דאס, איבערדערצעהלט צום
מלך, נ׳ האט נבוכדנאצר געגעבען אַ באפעהל אז מען
זאל די יונגע לייט אויסהאר׳גענ׳ן, אבער טויטערהייט
זיינען די יונגע געפאנגענע, נאך געווען אזוי שעהן.
דאס די ווייבער, דייער אויגען ניט געקענט אראנטער=
=נעמען פין זיי, האט דער מלך געהייסען אז פערד
זאלען זיי צוטרעטען ביז פון דייער שיינהקייט איז
קיין שפיר פערבליבען. סנהדרין. צ״ב

## אַן אמת׳ע שטאדט

### דער רבי האט איינמאל אזוי געזאגט

אַ מאל פלעג איך מיינען אז עס איז ניטדא קיין אמת
אויף דער וועלט, האט מיר איינער פון די רבנן דערצעלט
אז ווען מען זאל איהם געבען, אלעס דאס גוטעס פון דער
גאנצער וועלט, וואלט ער קיין ליגען געזאגט, אָט וואס
מיט [illegible] איהם האט איינמאל פאסירט:— איינמאל איז
ער געקומען אין אָרט וואס הייסט (קושטא) דאס מיינט
אמת, די מענשען פון דער שטאדט האבען קיינמאל
קאליגען געזאגט, אימער געהאלטען ווארט, קיינמאל
איז אין דער שטאדט, געשטארבען אַ מענש פאר דער
צייט.— די שטאדט איז איהם אזוי געפעלען, געווארען,
דאס ער האט באשלאסען דארטען צו פערבלייבען
האט ער דארט אַ שידוך געטוהן, אין האט גענומען
אַ ווייב פון דער שטאדט, אין די האט איהם געבוירען
צוויי קינדער, נ׳— איין טאג. איז זיין פרוי געשטאנען
אין האט זיך געוואשען איהר קאפ;— איז געקומען
אַ שכנה, אין האט אנגעקלאפט אין טיהר, האט ער
געטראכט. עס פאסט עפעס ניט ארייצולאזען אַ
פרעמדען מענשען אין הויז אין אזא צייט,— —
האט ער צו דער שכנה געזאגט אז זיין פרוי איז יעצט
ניט אין דער היים, גלייך נאכדעם זיינען ביי איהם
געשטארבען די ביידע קינדער,— איז אין דער שטאדט
געווארין אַ טימעל, צוויי קינדער געשטארבען— —
אזא זאך איז דארט קיינמאל געשעהן, זיינען די מענשין
פון דער שטאדט, געקומען פרעגען, ווי אזוי דאס איז
געשעהן, הא ער דער ציילהט די גאנצע, מעשה. אז
ער האט געזאגט אַ ליגען;— מיר בעטען דיך, האבען
די שטאדט געזוגט, געה אוועק פון אינדער שטאדט,
און רייץ אויף אונז ניט אן דעם טויט, סנהדרין. צ״ז



# משיח׳ס צייטען

## ר׳ נהוראי זאגט,

משיח וועט קומען אין אַזאַ צייט, ווען יונגלעך באַליידיגען עלטערען מענשען, און עלטערע וועלען שטעהן אויף די פיס, פאר יונגערע, און אַ טאכטער וועט זיך ארויסשטעלען געגען דער מוטער און אַ שנור געגען אַ שוויגער. ‏!— און דער גאנצער דור, וועט האבען אַ פּנים אזוי אַ הינט, און אַ זוהן וועט זיך ניט שעהמען פאר זיין פאטער.— דער דור אין וועלכען משיח וועט קומען, וועט זיין פול מיט עזות, די פרומע וועלען, ווערען—קרומע, טרייבען וועלען זיין אַ סאך, און ויין וועט זיין טהייער.

אנדערע זאגען:— משיח וועט ניט קומען, ביז עס וועט זיך אויסנעהמען די לעצטע פרוטה, פון בייטעל.— אנדערע זאגען. משיח וועט ניט קומען ביידען אידען וועלען שוין אויפגעבען האפנונג, צו ערלייזט ווערען,

### אז מען האט אַ טאכטער

אַ פאטער וואס האט אַ טאכטער, שלאפט איבער איהר קיין נאכט, ווען די איז נאך אַ קליינע מיידעלע זארגט ער זיך, טאמער חבר׳ט זי זיך מיט שלעכטע חבר׳טעס, און ויי לערנען איהר שלעכטע זאכען, אז די ווערט אַ ביסעל עלטער. האט ~~טאמער~~ ער מורא טאמער לאזט זי זיך אוועק אויף אַ קרומע וועג, אז די ווערט שוין אַ כּלה מויד האט ער מורא טאמער באקומט די ניט קיין חתן, אז די האט שוין חתונה האט ער מורא, טאמער וועט די קיין קינדער האבען און די האט שוין קינדער, און ווערט שוין אַן עלטערע פרוי, שרעקט זיך דיין הארץ טאמער ווערט די אַ מכשפה.

סנהדרין ק׳ צ״ז צ״ח 147

### דער ערשטער מענשען מארד,

ווען קין האט געוואלט הארגנען, דיין ברודער הבל האט ער ניט געוויסט פון וואנען, די נשומה קומט ארויס ביי אַ מענשען;— האט קין איהם געמאכט פיל מיט בייעלען, אין ווינדען;— און ער האט נאך אלץ געלעבט, ‏! ביז ער איז געקומען צום האלדז, אָט דא האט ער געענדיגט דיין לעבען, סנהדרין ל״ז

## בלעם׳ס עצה

בלעם האט אזוי געזאגט, צו בלקן: איך וועל דיר געבען אַן עצה, דער גאט פון די אידען האט זייער פיינט אויסגעלאסענהייט. און זיי אליין, די אידען האבען שטארק ליב ליינווענטענע קליידער, זאלסטו טהון אזוי, שטעל אין די גאסען, פאוויליאנען. זעץ אין זיי אריין אויסגעלאסיענע פרויען;— אין יעדען פאוויליאן ~~אין~~ זעץ אוועק אַן עלטערע פרוי אין דרויסען, און אַ יונגערע פון אינייוועניק, ‏! בלעם האט בלקן ערקלערט דיין גאנצען פלאן;— אין דער רעדעלטאט איז געווען אזוי:, ווען די אידען זיינען געקומען, און האבען זיך געלאזט וואויל געהן, עסען און טרינקען און אמוזירען זיך, און זיינען ארויס אין מארק וואו די פאוויליאנען זיינען געווען, אויפגעשטעלט. פלעגט די אלטע אבשטעלען אַ אידען און איהם פרעגען אפשר ווילט איהר קויפען ליינווענטענע קליידער, ?, די אלטע פלעגט איהם זאגען אַ גלייכען מקח. ‏! אבער די יונגערע וואס פלעגט דיצען אינעווועניק פלעגט אויסריפען קומט אריין אהער, איך וועל דיר געבען פאר אַ העלפט, פאר אַ דריטעל פון דעם פרייז. אז דער איד פלעגט שוין אריינקומען, פלעגט די צו איהם זאגען;— זיץ אַ ביסעל, די ביסט ביי מיר ווי אַן אייגענער מענש, און אַ בן בית. זיץ אין קלויב דיך אליין אויס סחורה, און דער ווייל פלעגט די אנצייגען אויף קריגלעך ויין, וואס זיינען געשטאנען נעבען איהר, אין זאגען, ווילסטו טרינקען אַ ביסעל ויין ?. אין ווי נאר דער איד האט געטרונקען פון דעם ויין האט זיך. אין איהם אנגעצונדען אַן ~~אונהנעשה~~ אומריינער פייער, דאן פלעגט די, ארויסנעהמען אַ געטשקע, פון איהר שויס און דעם אידען צורעדען אז ער זאל דינען צום די געטער, און לייקענען אין תורת משה. סנהדרין ק״ו

# קאנגריגיישען תפארת ירושלים

| | | |
|---|---|---|
| **פרעזידענט** | יט אב תשא | **גבאי** |
| **מאריס בראנז** | AUGUST, 21, | **יחיאל הערמאן** |




כתיבה וחתימה טובה אַ גוט יאָהר

יעדער איינער ווינשט זיין חבר אַ שנה טובה תכתב ותחתם לאלתר לחיים

אַ מיטינג ב׳ גלאסמאן האט רעפארטעט אז דער יזכור אפיל וואס עס איז געמאכט געווארין שבועות. האט אריין געבראכט ד׳ סומע 99, דאלער. אין ער האט די סומע איבער געגעבען צו האספאטאל --אַף האפף :·· מען האט דעבאטירט די פראגע, פון טויער. פון נאיעם סעמעטרי. עס איז ערוועלט געווארען אַ קומיטע אויס צו ארביטען אַ פלאן, בראנז, דאבראויקי, קויפמאן. גלאסמאן. גאלדבערג, ; ב׳ גלאסמאן האט דענעטעט 50, דאלער צו שטייער צום נאיעם טויער. אין דער פרעזידענט האט געבעטען. אלע צו טוהן דאס זעלבע ◆ הערמאן אין גאלדבערג האבען רעפארטעט אז די האבען זעהר פיין פאבראכט אויף די גאלדינע חתונה פון דעם יונגען פאר פאלק זלמן. און זיין פרוי קויפמאן ⁝ — ב׳ ריטשלער איז אויף גענומען גענוארען אלעס אַ בעל־שחרית אויף ימים נוראים אין שוהל תפארת ירשלים פר״ז 75, מען האט דעבאטירט די פראגע וועגען דעם באטען ( בעדזש ) פון דער סעמעטרי ---

דער פרעזידענט האט געפאדערט אז דער באטען זאל מען געבען צו מ׳ דקאטש. ווייל ער איז אַ שטיקעל שומר צו דער שוהל ; אין ב׳ דקאטש. האט פארלאנגט און געבעטען אז ער איז מוחל דעם כבוד, און מען זאל געבען דעם בעדזש צום מ׳ קליין, דער חזן פון דער שוהל, אין מ׳ קליין האט מיט צופרידען גענומען דעם באטען ---

די פראגע פון דעם טויער מ׳ בראנז האט רעפארטעט אז מען וויל 1800. דאלער פאר מאכען דעם טויער פון נייעם סעמעטרי אַ פארשלאג פון ב׳ גאלבערג אין געשטיצט פון ב׳ קאדזענשטיין אז דער טויער זאל געמאכט ווערין

# דער גרעסטער אידעאל פון צדקה, זאגן אונזערע
# חז״ל

איז ״נותנה ואינו יודע למי נותנה.״ — ווען דער געבער ווייס ניט וועמען ער גיט — און דער נעמער ווייס ניט פון וועמען ער נעמט. (ב״ב י׳ ע״ב) אַזאַ סאָרט צדקה הייסט מַתָּן בַּסֵּתֶר. געבען אין דער שטיל, דאס פארהיט דעם ארימאן פון בושת פנים, פון חרפה און געפאלענקייט, — עס ברענגט אויך ניט דעם גביר צו גאוה, וואס איז אַ מיאוס׳ע עבירה. אין ספר ״אמונת התחיה״ ווערט געבראכט אַ היסטארישע געשהעניש, וואס האט פאסירט אין קְרָאקָא: — ווי עס איז באקאנט צו אלע קראקעווער לאנסלייט, איז דער

בארימטער גאון רבי יום טוב ליפמאן (מְחַבֵּר) (פון תוספת יום טוב), נקבר געווארען נעבען גֶדר נעבען פלויט פון דעם שטאַטישען בית־עלמין, דאס איז אבער געטאן געווארען אויף זיין אייגענעם פארלאנג צוליב דער פאלגענדער געשיכטע: — אין קראקא האט אין זיין צייט געוואוינט אַגרויסער גביר מיט׳ן נאמען ״שמעון״ וועלכען מען האט גערופען ״שמעון קמצן״, מחמת ער האט קיינמאל אַן ארימאן קיין פרוטה ניט געגעבען, — און די גאנצע שטאט פלעגט אים דערפאר שעלטען, — אין דער זעלבער צייט זיינען אין שטאט שטארק בארימט געווען, צוויי פראסטע אידען, איינער אַ קצב. דער צווייטער אַ בעקער, — וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט, מיט זייערע אפענע הענט, טיילענדיג דעהר פיל צדקה, ויהי היום איז דער ״שמעון קמצן״ געשטארבען און מען האט אים, אלעס שטראף און בזיון פאר זיין קארגשאפט, באגראבען ביים פלויט, פון בית־עולם, — נאך זיין טויט האבען פלוצים די צוויי אידען, דער קצב, און דער בעקער, אויפגעהערט צו טיילען צדקה, — דאס האט אין שטאט ארויסגערופען גרויס פארוואונדערונג, — די ארימעלייט האבען פשוט, מְרַעֵיש עולם געווען, סטייטש, וואס איז עס פלוצים געשעהען מיט זיי? ... דער רעש איז געווען אזוי גרויס, אז מען האט זיי געשיקט רופען צום רב. — און דאַ, ביים רב אין הויז, האבען אום די צוויי אידען דערקלערט, אז די צדקה, וואס זיי פלעגען שטענדיג געבען איז ניט געווען פון זייער טאש, דאס געלט אויף צעטיילן צדקה פלעגט זיי ר׳ שמעון, ״שמעון קמצן״ געבען, אונטער אַ (שבועה) שבועה, אז זיי וועלען ניט ארויסגעבען זיין נאמען, מחמת ער האט מורא געהאט פאר כבוד, — וואס קען פירען צו גאוה, — היינט אבער, ווען ר׳ שמעון איז שוין אויפ׳ן עולם־האמת, האבען זיי מער ניט פון וואנען צו טיילען די צדקה געלטער ווי אמאל, — — — די דאזיגע דערקלערונג האט אויפ׳ן ״בעל תוספת יום טוב״ געמאכט אַ שטארקען רושם, און נאך זיין פטירה האט מען געפונען איינגעשריבען אין זיין צוואה, אז ער פארלאנגט מען זאל אים לייגען לעבען ״שמעון קמצן״ אין זיין פארלאנג האט די שטאט אויסגעפירט

## איד מיט צוויי קעשענעס

אין דעם פוילישען שטעטעל, וויסקיט, איז געווען אַ שׂוחט ר׳ משה אליעזר, דער שוחט, אַ איד צו גאט, און צו לייט, פול מיט תורה און חכמה, און כאטש ער איז געווען אַ איד אַן ארימאן, איז ער תמיד געווען אויפגעלייט, און האט ליב געהאט אַ גלייכווערטעל, ווען מ׳האט דעם שוחט באגעגענט אין גאס — איז ער געווען פארהארעוועט, ניט חלילה מיט אייגענע געשעפטען, וואס פאר אַ געשעפט געשעפטען האט אזא שוחט געקענט האבען, אז ער איז געווען אַן עני־ואביון? און דאך איז ער אלעמאל געווען, ווי ער פארהאוועט ווי ער וואלט געדארפט פארזארגען די וועלט און ער האט טאקע פארזארגט, אלע ארימעלייט אין שטעטעל, — בִּפְרַט די אראפגעקומענע באלעבאטים וואס האבען זיך געשעמט ארויסצוגעבען פאר דער וועלט, אז זיי זענען ארים, פאר אזעלכע אידען איז ער ארומגעגאנגען קלייבען געלט, — און האט געזעהן אז ס׳זאל זיי חלילה גארניט פעהלען

נאר דערביי האט ר׳ משה אליעזר, אָפט איינגענומען בושות און בזיונות, ווארים מ׳האט אים, נישט איינמאל געלאזט שטעהן כְּעָנִי־בפתח, — און מ׳האט אים נישט אונטערגעטראגען ווי ס׳וואלט באדארפט צו זיין, חוץ דעם האבען זיך די קמצנים געוויצעלט אז ער קלייבט מסתמא אויך פאר זיך, ווארים ער איז דאך אליין אויך אַ איד — אַן ארימאן. — איינמאל פרעגט מען אים: — ר׳ משה אליעזר, וואס ארבייט איר אזוי מעשים פאר אנדערע? מ׳איז דאך אייך מבזה.! — דער שוחט טראכט נישט לאנג און ענטפערט: אז איך געה קלויבען געלט, נעם איך מיר מיט צוויי קעשענעס, — אין איינער פון די לעג איך דאס געלט אריין — אין דער אנדערע לייג איך אריין, די בזיונות, נאר די האט ברוך־השם אַ לאך פאלען זיי גלייך ארויס צוריק,

פרוגרעסיוו סטודענט

בית הכנסת
תפארת ירושלים
שנת
תשי"ב

גבאי
יחיאל הערמאן

גבאי שני
דוד דיטקאטש

# ראש השנה אין שוהל

אבינו מלכנו
חתמנו בספר חיים
טובים

ראש השנה יכתבון
וביום צום כפור יחתמון

אמת
משפטי

עבירות

מצות

ראש השנה אין דער פרי אין שוהל, יעדער איינער, איז געקומען מיט פריילכע פנעמער אין שוהל, און מיט בטוחן אז ער וועט זיך אוים בעטען אַ גוט יאהר,

מ' רימשלער בעל-שחרית,
מ' קליין בעל-תוקע, און בעל-מוסף.
אלע מיתפללים זענען געווען צופרידען פון זייהרע דאווענען

Octo. 2. אַ מיטינג דינסטאג אוועט

עס איז גיפאסט געווארין אז די געלדער, פון דער ישיבה קאמפען וואס מען האט קעלטעט. ראש השנה זאל ווערען צוטיילט האלב פאר מאור הגולה און אַ האלב פאר ראשית חכמא

קאנגריי געשען

שנת תמיד, שלום, ישועות, ברכות,

# מוצאי יום כפור

תפארת ירושלים

ציון

ישראל

## אין שוהל

# אַ מיטינג

דיאלע מתפללים זיינען זיך — מיט זעהרע פרויהען, צו זאמען געקומען אין שוהל, — דער פרעזידענט (ברוך בראנז) האט געפינט דעם מיטינג אין ווינשט אלעמען אַ

## כתיבה אין גמר וחתימה טובה אמן

נאמינייישענס

אלעקשענס

דער סעקריטער ריטשלער, האט געליינט דעם פראטיקאל די איינאמע פון אַגאנץ יאהר אין ער איז גוט געהייסען געווארען פון די גאנצע מאזשארטע

עס איז פארגעקומען נאמינייישענס, און אלעקשענס פאר דעם נאיעם יאהר

דער רעזילטאט **יחיאל הערמאן** אַלעס רעווערענט פון דער שוהל

ברוך בראנז פר׳, ישיעה וויס פר׳ הערמאן, ריטשלער סעקריטער, גאבי שני דוד דיטקאטש

גאבי ראשון יחיאל כ׳ץ הערמאן, יעקב גלאזמאן טרעזשירער

דער פרעזידענט האט געלאזט וויסען אז ער האט גיקרוגען דעם פערמיט פון די באראן דיהירש, צו מאכען, דעם טויער אויף דעם נייע סעמעטרי

האספיטאל אויף האָיפְף

עס איז געפאסט געווארען ביידי גאנצע מאזשאריטע אז עס זאל געגעבען ווערען 25 דאלער יעדעס יאהר צום האספיטאל אויף האפף




אקאמיטע

צו קויפען

## אתרוגים

יחיאל הכהן

מרדכי ווייסמאן

בית התפלה — שנת יסדה תרס״ז

שנת ישראל תשי״ב

פרעזידענט מאריס בראנז — גבאי הערמאן ריטשלער סעקריטער

10, october 1951,

וויי׳ פרעזידענט ישעיה הערמאן — גבאי שני דוד דיטקאטש




דער פרעזידענט האט באדאנקט דעם ברודער דיטקאטש, פאר אטענדען די שוהל דעם פאריגען יאהר — און האט געבעטען ברודער גלאזמאן, אז ער זאל פרעזענטירען ברודער ב׳ טקאטש מיט אַ גאלדענעם זייגער אין נאמען פון שוהל

דער פרעזידענט מ׳ בראנז, האט געבעטען אלע ברודער. אז מען זאל מוחל זיין דעם ב׳ שעפטער דעם שטראף פון די .100 דאלער וואס די שוהל האט איהם באשטראפט, אז ער זאל דאס באצולען אין אַ יאהר צייט — איז געפאסט געווארען, אז מען זאל די שטראף אב לעגען, נאך אויף 6. מאנאטען. און אז ער וועט זיך אויפירען, ווי אַ מעמבער דארף זיך אויף פיהרען, און זיין שטיל. אין די 6. מאנאטען, וועט מען איהם מוחל זיין די שטראף

## טו׳ כסלו חברה קדישא סעודה

עס איז אַ מנהג בכל ישראל אז מען זאל מאכען אַ סעודה של מצוה טו׳ כסלו (האלטען מיר פון דער מצוה) עס זיינען זיך צו זאמען געקומען אלע חברה קדישא לייט, און אויך בעלהבתים, פון דער שוהל, אלע זיינען געקומען מיט די יהרע פרויהען און דער גבאי פאלעק דאבראווסקי האט געעפינט דעם מיטינג, און ער האט געבעטען ב׳ הערמאן, דער גבאי פון שוהל, צו ערקלעהרען דעם באדייטונג פין טו׳ כסלו פין די חברה קדישא סעודה, דער סעק׳ מ׳ בראנז האט געלעענט דעם פראטקאל פון אַ גאנץ יאהר, און דער עולם האבען זיך אויפגעשטעלט אפ צו געבען כבוד צו אלע נפטרים פון אונזערע תפארת ירושלים, דער עולם האט פיין פאבראכט, מען האט געמאכט לחיים און מען האט געווינשען די חברה קדישא אז זיי זאלען ניט האבען קיין מתים אַ גאנץ יאהר

אַ חנוכה מיטינג, וויים פרעזעדענט ישעיהו הערמאן, האט געעפינט דעם מיטינג, און אזוי ווי דער גבאי יחיאל כ׳ץ איז אוועק געפארען מיט זיין קיין "מי־יאמי" — פאלרידע — האט געבענטש מ׳ קליין חנוכה ליכט, די קימיטע צו צעגדייטען דעם סאפער זיינען ישעיה׳ הערמאן. דאבראווסקי, קויפמאן דער עולם איז געווען זעהר צו פרידען פון סאפער און מען האט געשבעען יעדען איינעם דאס ווארט און מען האט געבענטשט מיט א מנים און גוטע נאכט

חנוכה

# מרדכי הצדיק
# אסתר המלכה

ישרץ
תשי״ב

המנעס
תלוהו

1952 10 Febr

# פורים אין שטעטל

פורים אין שטעטל כרח פעפינא, אזוי ווי איהר זעהט, בין איך שוין גאט צודאנקען אַ בן חמש ושבעים
אין די צייט איז נאך עד היום ניט פארטיג מיט מיר, איך האב נאך יעצט אויך חשק אשטיף צו טהאן. ווען
עס איז נאר דא אַ מעגלעכקייט דער צו, אזוי בין איך פון דער נאטור, קענט איהר זיך שוין פארשטעלען
וואס פאר אַ יודעשער שטיפער איך בין געווען; פורים דא אין כרח פעפינא. האבען מיר אלע מאהל
געהאט אַ ליסטיגען פורים, פון מרדכ׳ס גדלה; און פון המנעס מפלה, אבער ליידער היינט איז
אלעס פערשווינען געווארען, אין כרח פעפינא; עס איז נאר געבליבען דאס וואס די קליינע יודעלעך
זיינען זיך משמח מיט דעם וואס זיי דערלאנגען הַמנען איבערען כאפ געשריבען פון יחיאל הערצמאן שעפינא

ודע לחכומה ברמוזה

# פסח חג המצות אין שוהל

פסח אין שוהל, דער עולם איז געווארען באגייסטערט פון דעם חזנ׳ס דאווענען מעריב, ספעשיל, דעם
רבונו של עולם פון דער ספירת העומר, וואס דער דער חזן מ׳ קליין. האט באוויזען וואס ער קען, דער חזן
האט גאנץ פסח דעם באגייסטערט דעם עולם מיט דיינע תפלת, דער עולם האט גאנץ פיין פאבראכט יעדען
טאג. מיט אַ ביסעל פסחדיגע משקה, וואס דער פרעזידענט מ׳ בראנז האט געבראכט ספעשיל פון נעוויארק

# חג השבועות

[illegible]

# דער קאַץ און דער ברונעם

## ר׳ אַמִי האָט געזאָגט:

״זה, ווי גרויס איז די טרייהייט פון מענשען.׃ אין וואס זעהען מיר דיזע טרייהייט? אין דער געשיכטע פון די קאץ און דער ברונען״ — די געשיכטע איז אזוי געוועזן:

אמאל איז אַ שענע מיידעל געגאנגען פון אַ בעזוך, צוריק אהיים, די איז געוועזן אויסגעפוצט, אויפ׳ן וועג האט די פערבלאנדזשעט און זי איז אריין אין אַ ווילדען וואלד. עס איז געקומען האלבער טאג, די זון האט געברענט, די מיידעל איז געווארען זעהר דארשטיג, די איז געגאנגען ווייטער און ווייטער ביז זי האט דערזעהן אַ ברונען, דער ברונען איז געוועזן אַ פערלאזענער, קיין עמער צו שעפען וואסער איז דערביי ניט געוועזן, אום צו שטעלען איהר ברענענדען דארשט, האט זיך די מיידעל ארונטערגעלאזען אין ברונען, מיט דעם שטריק וואס איז געהאנגען, אויף דער ברונען. די האט זיך דארט אנגעטרונקען.־ אבער ווען זי האט געוואלט ארויסגעהן האט זי ניט געקענט, איז די געזעסען אין דער ברונען, און האט געוויינט און געשריען.־ בעטענדיג הילף.־ אויף איהר גליק איז שפּעטער אנגעקומען אַ מאן וואס האט דערהערט איהרע געשרייען, ער האט זיך אבגעשטעלט ביים ברונען. אריינגעקוקט, אבער ער האט ניט געקענט גוט זעהן ווער דארט געפינט זיך.־ האט ער געפרעגט:... ״זאג מיר, ביזטו אַ מענש, אדער א. טייפעל?״ די שטימע וועלכע איז געווארען רוהיגער [redacted] — אַ מענש.־ האט די שטימע געענטפערט, ער האט אין איהר באלד פערליבט, נאך איידער ער האט זי געקענט גוט זעהן, אבער ער האט נאך אלץ מורא געהאט, האט ער איהר געפרעגט ווי די קומט און ברונען, האט די איהם דערציילט, איהרע רייד זיינען איהם נאך מעהר געפעלען געווארען, און ער האט געזאגט:.........

״שווער מיר, אז אויב איך וועל דיך ארויסציהען פון דעם ברונען, וועסטו מיט מיר חתונה האבען.״ איך שווער!־ האט די געענטפערט, ווען ער האט די מיידעל ארויסגעצויגען האט ער ערשט דערזעהן וואס פאר אַ זעלטענע שעהנהייט זי איז, האט ער געוואלט אז די זאל מיט איהם גלייך געהן און ווערען זיין פרוי, האט די איהם געפרעגט פון וואס פאר אַ פאלק ער איז, האט ער געענטפערט: ״איך בין אַ איד און אַ כהן. און קום פון יענער אין יענער. שטאדט,״ האט די איהם דערצעהלט פון וואנען די קומט, און אנגערופען איהר משפחה ביים נאמען. נאכדעם האט די געזאגט: עס פאסט זיך דאך ניט פאר דיר. אַ כהן. וואס קומט פון אַ הייליגען שטאט, אויסדערוועהלט פון גאט. איבער אלע אנדערע אידען, אז די זאלסט פארלאנגען פון מיר אדא זאך, איך זאל זיין דיינע אַ געליבטע, אהן חופה וקדושין. ———.....

בעסער קום צו מיינע עלטרען. און מיר וועלען זיך פערלאבען, ווי עס פיהרט זיך ביי אידען, איהרע רייד זיינען איהם געפעלען געווארען, ער האט אויף איהר פארשלאג איינגעשטימט און זיי האבען געשווירען טרייע ליבע,־־ אבער ווער וועט זיין אַן עדות אויף אונזער אבמאך? האט ער געפרעגט,— אין דעם אויגענבליק איז פערביי געלאפען א קאץ. האט די מיידעל געענטפערט:. אָט די קאץ, און דער ברונען וועלען זיין אונזערע עדות, אז מיר וועלען האלטען אונזערע שבועה, נאכדעם, אז ער האט איהר געצייגט, דעם ריכטיגען וועג צו געהן אהיים, זיינען זיי זיך צוגאנגען, ער איז אוועק זיין וועג און האט צוגעזאגט צו קומען צו איהר.־ און די איז אוועק אהיים, די מיידעל האט געווארט אויף איהר געליבטען, אַ לאנגע צייט, אבער ער איז ניט געקומען, ער האט פערגעסען אָן איהר, אין אַ קורצע צייט שפּעטער האט ער חתונה געהאט, מיט אַן אנדערער. די ערשטע כלה איז אבער געבליבען טריי צו איהם און האט בשום אופן ניט געוואלט הערען פון אן אנדער שדוך. אָן אז אַ יונגען מאן פלעגט איהר זיך עקלערען אין ליעבע, פלעגט די זיך מאכען משוגע, שרייען, און רייסען אויף זיך איהרע קליידער, דער יונגער כהן וואס האט זיין שבועה פערגעסען, האט קיין גליקליכען לעבען געהאט. מיט זיין פרוי,־ זי האט איהם געבוירען איין קינד, האט אַ קאץ דערשטיקט, צו דריי חדשים האט די געבוירען אַ צווייטען קינד איז דאס, דערטרונקען געווארען אין ברונען,־ האט צו איהם זיין פרוי געזאגט: ווען אונזערע קינדער וואלטען געשטארבען, מיט אַ נאטירליכען טויט, ווי אלע מענשען שטארבען, וואלט איך, זיך געטראכט: אזוי איז גאט׳ס ווילען, אבער אז זיי זיינען געשטארבען מיט אזעלכע מיתות־משונות, מיז דא זיין עפּעס אין דעם, אפשר איז דאס פאר מיינע זינד, און אפשר פאר דיינע זינד, לאמיר נאכזוכען.ˣ־־ דער יונגער מאן האט אַ זיפץ געטהאן, און האט איהר דערצעהלט די געשיכטע, פון יענער מיידעל וואס ער האט (געליעבט און פארגעסען) האט זיין ווייב געזאגט: מיר מוזען זיך גט׳ן;־ ———

נאך דער שיידונג איז דער יונגער מאן אוועק אין דער שטאדט וואו זיין געוועזענע כלה האט געוואוינט, און זיך נאכגעפרעגט אויף איהר. האט מען איהם געזאגט, אז די איז משוגע געווארען, איז ער אוועק צו איהר פאטער און האט איהם פארציילט די גאנצע געשיכטע, און געזוגט אז ער איז ברייט מיט איהר חתונה צו האבען, אפילו מיט איהר פעהלער. אין זיי האבען חתונה געהאט און געלעבט זעהר גליקליך.— אט דאס איז די טרייע ליבע

(תענית ח׳. עריך) יחיאל הכהן הערמאן

# ר׳ עקיבא און כלבא־שבוע׳ס טאכטער.

רבי עקיבא איז אין זיין יוגענד געווען נית מעהר
ווי אן איינפאכער פאסטעך וואס האט געפיטערט די שאף פון
כלבא שבוע, איינער פון די רייכסטע לייט אין ירושלים.
האט די טאכטער פון כלבא שבוע איינמאל בעמערקט
דעם יונגען פאסטוך: און ער איז איהר זעהר געפעלען
געווארען. זי האט איינגעזעהן אז ער איז בעשיידען, און
ארענטליך. און שטעט העכער פון אנדערע יונגע לייט,
איז זי איינמאל געקומען צו איהם אין דער שטיל, אין זיין
ארימער ביידעל. אויפ׳ן פעלד און האט איהם געפרעגט:
אויב איך וועל ווערען דיין כלה, וועסטו געהן אין בית
המדרש און ווערען א געלערנטער מענש? האט ער
געענטפערט: "יא!" זיינען זיי אוועק און האבען זיך
פערלאבט אין געהיים, אהן דער צושטימונג פון איהרע
עלטערען, און ווען איהר פאטער האט פון דעם
דערהערט איז ער געווארען שטארג בייז, און האט
א נדר געטהאן אז זי זאל קיינמאל געניסען פון זיין
פערמעגען. האט די טאכטער געמוזט פערלאזען איהר
רייכען פאטער׳ס פאלאסט און איז אוועק. און האט
חתונה געהאט מיט דעם ארימען פאסטוך. זיי האבען
געלעבט אין ארימקייט אין דחקות, און געשלאפען אויף
שטרוי, די אידעל ערצויגענע שעהנע טאכטער פון
דעם רייכסטען מאן אין ירושלים האט זיך געפיהלט
זעהר נית בעקוועם: אבער די ליעבע צו איהר מאן האט
איהר געמאכט פערגעסען אויף איהר יעצטיגע ארימקייט,
זי האט איינמאל צערטליך גענומען ארויסציהען די שט=
רויעלעך וואס האבען זיך איינגעפלאנטערט אין זיינע
האאר, און ער האט אויף דעם געזאגט: דערפאר אז
איך וועל אמאל זיין רייך וועל איך דיר קויפען א
קרוין מיט א ירושלים אויסגעשטיקט אין גאלד: אזא
קרוין איז דאן געווען אין דער מאדע ביי גבירישע כלות
און יונגע ווייבלעך, אום צו טרייסטען איהר, איז געקומען
אליהו הנביא, זיך פערשטעלט פאר אן ארימאן און האט
צו די יונגע פאאר געזאגט: "האט רחמנות, שענקט מיר
א ביסעלע שטרוי! מיין פרוי האט א קינד געבוירען
און איך האב אפילו נית א קאפעלע שטרוי אונטערצו=
בעטען איהר געלעגער." "זעהסטו" האט רבי־עקיבא
געזאגט צו זיין פרוי, מיר דארפען זיך שעטצען גליקליך
וואס מיר האבען כאטש שטרוי: יענער האט אפילו
קיין שטרוי אויך נית. "איך בעקלאג זיך נית", האט זי
געענטפערט, "איך בין מרוצה צו ליידען." די פאהר אוועק
לערנען און איך וועל אויף דיר ווארטען. — רבי עקיבא
איז אוועק, האט פערבראכט אין דער פרעמד, צוועלף
יאהר, אין דער צייט האט ער זיך ערווארבען צוועלף

טויזענד תלמידים, נאכדעם האט ער זיך בערענקט. אז ס׳איז שוין
צייט צו געהן זעהן זיין פרוי. ווען ער איז אנגעקומען אין שטאדט
האט ער באשלאסען נית אריינצוגעהן גלייך אין הויז. נאר ער
האט זיך געשטעלט ביי דער טיהר זיך צוהערען וואס אינוו=
עניג קומט פאר. האט ער געהערט ווי איינער א שלעכטער
מענש זאגט צו איהר, : זעהר רעכט איז דיר. גוט האט
דיין פאטער געטהאן וואס ער האט דיך פון הויז ארויסגעטריבען
אט זעהסטו שוין וואס פאר א מאן די האסט? ער איז אוועק
און דיך איבערגעלאזען א לעבעדיגע אלמנה שוין אזוי פיעל
יאהר! — האט די פרוי געענטפערט: אויב מיין מאן וואלט
מיך געפאלגט האט ער געמעגט פערבלייבען לערנען נאך
צוועלעף יאהר, ווען רבי־עקיבא האט דאס געהערט, האט
ער געזאגט: אזוי ווי זי האט מיר די ערלויבניס געגעבען וועל
איך טאקע געהן צוריק און לערנען נאך צוועלף יאהר,
ווען די אנדערע צוועלף יאהר זיינען אריבער איז ער
צוריק געקומען מיט פיער און צוואנציג טויזענד תלמידים,
איז די גאנצע שטאדט ארויס מקבל פנים זיין, איהם און
זיינע תלמידים, קיינער האט נית געוואסט אז דער גרוי=
סער תנא רבי עקיבא מיט וועלכער די גאנצע וועלט
האט געקלונגען, און וועלכער איז געקומען מיט אזוי
פיעל תלמידים, איז דער אמליגער ארימער פאסטוך
וואס האט געדיענט ביי כלבא שבוע. זיין פרוי און איהרע
א שכנה זיינען געווען די איינציגע מענשען וואס האבען געוואוסט
דעם סוד, האט די שכנה געזאגט: געה, לייה ביי אימיצען
עפעס א שעהנע קלייד, עס פאסט זיך נית צו קומען
פאר אזא גרויסען מענשען אין דיין ארימען מלבוש, !
האט די פרוי געענטפערט: מיין מאן דער צדיק קען מיך
גוט, און ער וויס ווי מיך צו שעטצען אהן שעהנע קליידער
די איז געגאנגען, זיך דורכגעשטופט א וועג צווישען דער
גרויסער מאסע מענשען, — און אז זי האט דערזעהן
איהר מאן איז זי געפאלען צו דער ערד און האט געקושט
זיינע פיס; — האבען זיינע תלמידים געמיינט אז דאס איז
סתם אזוי א פרוי, אן אביונ׳טע, און זיי האבען איהר
געוואלט אבשטופען, האט רבי־עקיבא געזאגט צו זיינע
תלמידים: ריהרט איהר נית אן! איהר זאלט וויסען דיין
אז אלעס וואס איהר פערמאגט: און וואס איך פערמאג,
געהערט צו דיזער פרוי, דערווייל האט דער רייכער
און שטאלצער כלבא שבוע־וועלכער האט שוין
לאנג חרטה בעקומען אויף דעם נדר וואס ער
האט געטהאן, : געהערט אז אין שטאדט איז
אנגעקומען דער גרויסער תנא רבי עקיבא,
האט ער זיך געטראכט, איך וועל צו איהם געהן,
אפשר וועט ער מיר מתיר נדר זיין, ( צווייטע זייט )

יחואל בר' מנחם הכהן הערמאן

# דער שופר פון ראש השנה

## תקעו בחודש שופר. בכסה ליום חגנו, כי חק לישראל הוא, משפט לאלהי יעקב.

ר' אלעזר זאגט: ווען דער פסוק זאגט בכסה ליום חגנו, מיינט דאס. אז די לבנה איז באדעקט זיך. און פארוואס איז די לבנה ראש-השנה פארדעקט? ווייל ווען עס קומט ראש השנה קומט דער שטן פאדערן ביי גאט, ער זאל משפטען די אידען, לויט ווי עס קומט זיי, ווייל איהם דער אויבערשטער נישט גלויבען, וואס ער דערצעהלט זאגט ער, אז ער וועט ברענגען עדות פאר זיינע באשולדיגונגען. ברענגט ער מיט זיך די זון, וועלכע זעהט ווי אידען זינדיגען בייטאג. און ווען עס איז נישט גענוג דאס עדות-זאגען פון דער זון, געהט ער ברענגען די לבנה, וועלכע זעהט ווי אידען זינדיגען ביינאכט. באהאלט זיך די לבנה, דער שטן זאל זי ניט געפינען, — און וואס מיינט עס, אז די לבנה באהאלט זיך? ווי קען זיך דען די לבנה באהאלטען, מען זאל זי נישט זעהען? איז דער תירוץ, אז זי געהט ארויף אויבען און זי באהאלט זיך הינטער'ן רוקען פון דער שכינה. — פארשטעהען דער פון די אידען, זיי זאלען צוגרייטען, תפלות, דעם אויבערשטען מפייס צו זיין פאר זייערע עבירות, ווייל תפלות זיינען ביים אויבערשטען - חשוב'ער ווי מצוות. און אזוי ווי מיר גרייטען דאס אלעס צו לכבוד ראש השנה. פארשטעהען מיר אויך. אז מיר זאלען א בלאז טהון אינ'ם שופר, ווייל מיט'ן שופר וועט דער אויבערשטער צונויפנעהמען אלע אידען, ארויסצופיהרען זיי פונ'ם גלות, פון אלע פיער עקען פון דער וועלט, ווי מיר זאגען אינ'ם דאווענען „תקע בשופר גדול לחרותנו ושא נס לקבץ גליותינו.” און ווען עס הערט זיך דער קול שופר. — און די מענשען טהוען תשובה אויף זייערע זינד, דערוועקט זיך די „מדת הרחמים”, און די פארשטארקט זיך איבער דער „מדת הדין”. ביז די „מדת הדין” ווערד אין גאנצען אפגעשוואכט. — מיט די דאזיגע קולות [illegible]נ'ם שופר, גיבען די אידען כח צו דער „מדת-הרחמים.” דארף מען דערפאר בלאזען בעם שופר, אונטען אויף דער ערד און מכוון זיין ביי די קולות, אז מיט'ן כח פונ'ם ערדישען שופר זאל זיך אויבען אויפ'ן הימעל דערוועקען דאס גרויסע רחמנות אויפ'ן פאלק ישראל,

דער זאגט. | דער נביא עמוס זאגט: „אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו” מיינט דאס, אז ווען דאס פאלק דערהערט דעם בלאז פונ'ם שופר, וועלכער איז א צייכען, אז דער שונא איז נאהענט, מוז איטליכער פארציטערט ווערען; קען איך דאס נעמליכע געזאגט ווערען מכח ראש השנה, אז דער בלאז פונ'ם שופר איז אן אנזאג וועגען דער געפאהר, וואס לאקערט אויף די מענשען, ווייל דער אויבערשטער עפענט דעמאלט די ספרים, וואו עס זיינען פארשריבען, די מענשען און זייערע מעשים ערווארטעט דאן איטליכער זיין אורטייל, און ווען די מענשען ווערען פארציטערט, און עס ווערד צובראכען זייער הארץ פון חרטה, איז זיי דער אויבערשטער מוחל די עבירות. און עס ענדיגט זיך פאר זיי דער „יום-הדין” אהן יעדער שטראף, דער אויבערשטער וויל איבערהויפט גערן געבען דאס לעבען צו די מענשען, ווייל נור לעבענדיגע מענשען קענען איהם אפגעבען א לויב באווונדערען זיין גרויסקייט — ווי דער פסוק זאגט: —
„לא המתים יהללו יה ולא כל יורדי דומה.”

## ניט אלעס דערצעהלט מען א ווייב

שמועס ניט צופיעל מיט דיין פרוי, אזוי די חכמים האבען פערזאגט, עס זיינען דא זאכען וואס א מענש דארף צו זיין אייגענער פרוי ניט דערצעהלען, אט איז א ביישפיעל: א מאן קומט אין בית-מדרש, און מען גיט איהם דארט ניט אב גענוג כבוד, אדער ער צוואווערטעלט זיך מיט א פריינד, דארף ער ניט, דערצעהלען זיין פרוי, ווען ער קומט אהיים, אט אזוי, און אזוי האט מען מיך בעליידיגט - אט אזוי, און אזוי האט מיין פריינד געזאגט צו מיר. און אט אזוי, און אזוי האב איך איהם געענטפערט, ווייל דורכדעם וואס ער דערצעהלט זיין פרוי ווי אנדערע מענשען האלטען פון איהם, מאכט ער זיך קליין אין איהרע אויגען: און די פרוי וועלכע האט פריהער געהאט רעספעקט פאר איהם, — שפאט און לאכט אב פון איהם, און ווען זיין פריינד הערט פון דעם. זאגט ער: טאמער האבען מיר צווישען זיך א ביסעל צואווערטעלט, געהט ער און טראגט עס אב צו זיין פרוי. | אט אזוי מאכט ער נידעריג, אי זיך און זיין פרוי. אין זיין חבר, (אבות דר' נתן פרק ג')